STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02476

# LIDER FUN HURBN

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02476-7

D:\YIDDISH\TITLES\9780657024765T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

# לידער פון חורבן

## ת״ש-תש״ה

# לידער פון חורבן
# ת"ש - תש"ה

צוזאַמענגעשטעלט: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל
1962

**LIDER FUN HORBN**

Publishing House I. L. Peretz
31, Allenby str., Tel-Aviv

*

**לידער פון חורבן**

פאַרלאַג י. ל. פרץ
תל־אביב, רחוב אלנבי 31

©

נדפס בישראל, 1962
Printed in Israel

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

די זאמלונג

**„לידער פון חורבן ת״ש - תש״ה״**

איז ארויסגעגעבן פון יואל ווייסשטיין
פון לאס אנדזשעלעס, אין באגער צו
פארגעדענקען אונדזערע חרובע היימען
און היטן דאס ליכט פון זייער ירושה.

**כי גדול כים שברך, מי ירפא לך**
וויל גרויס ווי דער ים איז דיין בראָך, ווער וועט דיך היילן
(איכה ב׳, יג)

**עורה אלי, צורי, גואלי — קבע נפש על קובעהו**
מיין גאָט, מיין שוץ, מיין אויסלייזער, — מאָן ביים רויבער דעם אומגעבראַכטן נפש
(עמק הבכא)

**אל נקמות ה׳ ינקום מהם נקמתו, וישיב אותנו על אדמתו**
גאָט, דער אל נקמות, זאָל זיך נוקם זיין אָן זיי, און אונדז זאָל ער אומקערן צו זיין הייליק לאַנד
(יון מצולה)

**והיית משוגע ממראה עיניך אשר תראה**
און עס וועט פארווירט זיין דיין זינען פון דעם וואָס דיינע אויגן וועלן זען
(דברים ב׳, לד)

# איכה בציבור

„לידער פון חורבן ת״ש־תש״ה״ — איז אַ חושך־וועלט פון יסורים אויפגעזאַמלט. מען דאַרף האַלטן דעם מוח אויף אייזערנע קייטן נישט אַריינצוגיין אין די פּרטים פון די יסורים, נישט דערזען זיי פאַר די אויגן, ניט דערטראַכטן ביזן סוף זייער באַדייט. לידער פון דיכטער־קדושים זיינען דאָ אין דער זאַמלונג. איינעם האָט מען דערטרונקען לעבן קעניגסבערג. איינער איז אויסגעגאַנגען פון הונגער אין געטאָ. איינעם האָט מען דערהרגעט צום טויט מיט שטעקנס. איינעם האָט מען אומגעבראַכט אין מיידאַנעק... זאַמלט מען זייערע לידער. עס איז משונהדיק צוזאַמענגענעמען אָט די גוואַלדגעשריען־טויטן מיטן וואָרט — לידער. עס איז אימהדיק דער טויט פון איין מענטשן ווען מען פירט אים לית דין ולית דיין צו מיתה. און אַזוי האָט מען געפירט לית דין ולית דיין אַ פאָלק. וואָס איז דעמאָלט די וועלט? וואָס זיינען דעמאָלט ווערט אַלע אירע שיינקייטן און אַלע אירע תורות? און וואָס איז דעמאָלט דער באַדייט פון אַ ליד? און ווען מען טראַכט וועגן דעם, פילט מען אַז מען שטייט אויפן סאַמע ברעג וואָס פירט צו שגעון. אַלץ ווערט אָפּגעמעקט, און דאָס וואָס עס ווערט ניט אָפּגעמעקט שטייט קאַפּויר — עס איז דער תהו פון וואַנזין. טרערן און אמונה לייזן אפשר אויס אויף ניט איינגעזונקען צו ווערן אין דעם טרויער. און דאָס איז, מעגלעך, דער זין פון יידישע לידער פון אונדזער צייט.

די יידישע דיכטונג אין די לעצטע צוואַנציק יאָר, נאָכן חורבן, איז איכה בציבור. קיין אומה ולשון קאָן ניט באַגרייפן אַזעלכע געזאַנגען. מיר באַוועגן זיך אין אַ וועלט פון שאָטנס — שאָטנס פון אונדזערע נאָענטע, עלטערן, ברידער, שוועסטער, און גאַנצע עדות. זיי טויכן אויף פאַר אונדזערע אויגן אין גרויל פון זייער אומקום. ס'איז דער עמק המות.

מיר זינקען אין אים אין אונדזערע חלומות אין די נעכט, און ער פֿאַרשווינדט ניט אין אונדזער וואָר פֿון די טעג. שאָטנס זיינען איצט געוואָרן אונדזערע שטענדיקע באַגלייטער, און מיט זיי וויינט אַרויס דאָס יידישע ליד. אַש און פֿאַרוויסטונג זיינען די ווערטער פֿון יידישן ליד.

דער חורבן האָט אַריינגעבראַכט תהומען אין אונדזער געמיט, תהומען ניט באַגרייפֿלעכע, גיהנומדיקע תהומען האָבן זיך באַוויזן פֿאַר אונדז. ביי אונדז האָבן זיך געענדערט די באַגריפֿן פֿון ערד, און פֿון הימל, און פֿון מענטש, אַפֿילו די נאַטור האָבן מיר דערזען אַנדערש, די יסודות פֿון דער וועלט האָבן געביטן זייער געשטאַלט. עס איז אַריין אין אונדזער באַוואוסטזיין אַ באַגריף: אַ דייטש. אַ פּחד־באַגריף. אין דער יידישער חורבן־פּאָעזיע ווערט זעלטן דערמאָנט דאָס וואָרט „דייטש״, ווי מען זאָל עס אויסמיידן. דער גרויל פֿון דעם וואָרט איז גרויליקער ווי דער טויט. עס גייט אַרויס פֿון די ראַמען פֿון מענטש. עס שטייט אין די תהומען פֿון געשפּענסטיקייט. און דער גרויל דערפֿון ליגט איבער דער יידישער חורבן־פּאָעזיע.

דער געיאָמער פֿון איכה קומט אויף פֿאַר אונדז ניט ווי פֿון אַ געדענק־שריפֿט פֿון אַמאָל, נאָר ווי אַ ביטערע איצטיקייט. „איכה״? מיר הערן אים פֿון די שאָטנס, וואָס גייען אונדז נאָך: „במחשכים הושיבני כמתי עולם; גדר בעדי ולא אצא — אין דער פֿינצטערניש האָט ער מיך אוועק־געזעצט ווי די טויטע; ער האָט מיך אַרומגעצאַמט און עס איז ניטאָ קיין אַנטרינונג״; הערן מיר אין די ווערטער דעם פֿינצטערן געטאָ־געשריי, עס שטייען די צאַמען פֿון טויט, וואָס מען האָט מיט זיי אַרומגעצאַמט אונדזער פֿאָלק און אים אומגעבראַכט.

מיר האָבן ביז איצט אפשר ניט באַגריפֿן די אימה פֿון דעם אויס־דרוק: גזר. אַן אומגליק, וואָס מען קאָן אים ניט אָפּווענדן, ניט באַהאַלטן זיך פֿון אים, ניט אַנטלויפֿן. מיר באַגרייפֿן ניט זיין „פֿאַרוואָס״? און מיר קאָנען זיך ניט ווערן קעגן אים. אָט אין דעם געהיימניספֿולן גזר באַוועגט זיך די יידישע פּאָעזיע פֿון די לעצטע צוואַנציק יאָר. די אומבאַהאָלפֿנקייט אַנטקעגן דעם גזר איז אַמשטאַרקסטן אויסגעדריקט אין די לידער פֿון

דעם קדוש יצחק קאַצענעלסאָן — ס׳איז ניטאָ קיין מאָס פאַר דעם ווײ, קיין אויסבליק פאַר דער אומבאַהאָלפנקייט, און קיין גרענעץ פאַר דער שטוינונג: „איכה״?

דאָס צאַרטע געפיל ביי אַ מענטשן צו זיין וויג, צו זיין געבורט־שטאָט, צום טייך וואו ער האָט זיך קינדוויז געבאָדן — אַלץ איז געוואָרן אַש, און פלאַם, און רשעות. אַ בוים איז — אַ תליה. דער טייך איז — אַ זינקונג. די ערד איז — אַ קבר. די היימישע לופט איז — רויך און אַש.

איז אויפגעקומען אין אונדזער ווײ־געמיט און אין אונדזער פּאָעזיע דער וויכוח מיט גאָט, פּונקט ווי אין איכה. און ווי שטענדיק ביי יידן, די געפּרואוווטע און די געפּייניקטע, וואָס האָבן אויסגעוויינט זייער צער אין כל־מיני „עמק הבכה״ און אין כל־מיני „יון מצולה״ — פון אַלע אָפּ־גרונטן פון יסורים קומט אויף איבעראַנייס דער „אני מאַמין״, וואָס די יידן האָבן געזונגען אויפן שוועל פון טויט, און דער אני מאמין פון די אויפשטענדלער אין די געטאָס, די וואָס האָבן געזאָגט אַז זיי גייען ניט „דעם לעצטן וועג״. און פּונקט ווי עס איז איבער דער השגה פון מענטש־לעכן פאַרשטאַנד די מאָס פון די יסורים, אַזוי איז איבער דער פאַרנעמ־לעכקייט פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד די מאָס פון יידישער גבורה, וואָס ווערט ניט געבראָכן, און די קוואַלן פון יידישער אמונה וואָס טריקענען ניט אויס אונטער אַזויפיל פלאַמען. די פאַרשעמטקייט פון פאָלק ווערט די פאַרשעמטקייט פון גאָט און געטלעכקייט. מיט ווײ און ווייטיק ברענגט עס ארויס די יידישע חורבן־פּאָעזיע.

די חורבן־לידער פון אונדזער דור זיינען ניט קיין צייט־מאָטיוון, וואָס וועלן זיך „איבערזינגען״. דער בראָך פון חורבן איז אַריין אין דער זעאונג פון אונדזער אויג, אין דער הערונג פון אונדזער אויער, אין אונדזערע אַלע חושים, אַזוי ווי עס איז אַריין אין אונדזער נשמה־געוועב דער חורבן בית־המקדש, וואָס זיין זכר הענגט שטענדיק איבער אַ יידישער טיר, און דער טרויער אין די אויגן. די חורבן־לידער זיינען דער בלוטיקער יאָמער פון אַ פאָלק, ווען די וואונדן זיינען נאָך רוי, אונדזער „חשבון אויפן אַש״, ווי עס האָט עס אָנגערופן איינער פון אונדזערע דיכטער־

מוסרניקעס, מנחם באַריישאַ. זיינען אויך אונדזערע געזאַנגען — געזאַנגען אויפֿן אַש, און אונדזערע זעאונגען קומען דורך די פֿינצטערע וואָלקנס פֿון אַש. דאָס זיינען זעאונגען וואָס אַ פֿאָלק פֿאַרגעסט ניט. מיר האָבן ניט פֿאַרגעסן די זעאונג פֿון טאָל פֿון ביינער, און מיר וועלן ניט פֿאַרגעסן די זעאונגען פֿון טאָל פֿון אַש.

געשפּענסטיק זיינען איצט פֿאַר אונדז וואַרשע און ווילנע און אַנדערע שטעט און שטעטלעך וואו עס זיינען געווען יידישע קהילות. זיי זיינען געבליבן חורבן־נעמען, וויסטע געדעכענישן פֿון בראָך. דאָס ליכ־טיקע וואָס איז דאָרט געווען טראָגן מיר אין אונדזערע הערצער מיט אַ צייכן פֿון חורבן. דער טרויער פֿון דעם צייכן און די לאַסט וואָס דאָס אומגליק האָט אַרויפֿגעלייגט אויף אונדזער געמיט, קאָן מען ניט אויסלאָדן. בלויז אונדזער אייביקע אמונה אין נצח ישראל קאָן אונדז ביישטיין אויף אויסטראָגן אָט די לאַסט.

יסורים און אמונה, ווידערשפּעניקונג און אמונה, יאוש און אמונה — דאָס איז אַ יידישער באַהעפֿט, אַ באַהעפֿט וואָס קומט אויף אין אַלע אונ־דזערע שאַפֿונגען. אין די חורבן־לידער איז אויסגעדריקט דער באַהעפֿט, דער אָפֿענער, אָדער פֿאַרבאָרגענער באַהעפֿט מיט גאָט, דאָרט וואו מען פֿאַלט כורעים פֿאַר אים, און מען איז מצדיק דעם דין, און דאָרט וואו מען לייקנט אים.

וואָס פֿאַר אַ מאָס קאָן זיין אָנגעווענדט צו חורבן־לידער? בלויז איין מאָס, גלייב איך, — אויף וויפֿל זיי זיינען דער אויסדריק פֿון דעם אויפֿ־ציטער פֿון אונדזער פֿאָלק, פֿון די תהומען וואָס האָבן אויפֿגעפֿינצטערט פֿאַר אונדזערע אויגן און פֿון אונדזער גבורה, וואָס פֿאַרמעסט זיך קעגן אומקום. אין די לידער פֿון די דיכטער־קדושים הערן מיר דעם אויס־געשריי פֿון גיא־צלמות; וואָס פֿאַר אַ מאָס קאָן מען און מעג מען אָנווענדן צו די לידער? וואָס וויסן מיר פֿון ריטם פֿון אַ געשריי אויפֿן שוועל פֿון טויט?

אין דעם ליד פֿון דעם אומגעקומענעם דיכטער, משה שימעל, איז דאָ אַן אומגעהויערע שילדערונג: ער טאַפּט דעם טיש, דעם שראַנק. אין

זיין מוראדיקער פאַרצווייפלונג זוכט ער שוץ ביי דער דומם־וועלט, — אַ מין טויטלעכע מחשבה פון טויטלעכער אומבאַהאָלפנקייט. ס'איז איבער די גרענעצן פון יאוש. אַלע פּאָעטישע מאָסן ווערן צעשמעטערט ווען מען דערפילט די צעטרייסלונג פון אַלע יסודות, דעם געשפּענסטן־אומגליק וואָס אַזאַ ליד ברענגט אַרויס.

אַן ערד־ציטערניש צעשויבערט דעם אויסזען פון בערג און פון טאָלן. עפּעס אַזוינס איז געשען אין אונדזער אויפפאַסונג פון מענטש און זיין צלם אלוהים. עס איז צעשמאָלצן געוואָרן דער צלם אלוהים. צווישן אונדז און דעם הימל — דעם מקור פון רחמים און חסד, פון אַ סדר־העולם און מענטשלעכקייט איז אויפגעשפּרונגען ווי פון גיהנום אַרויס אַ באַגריף — מיידאַנעק, וואָס בלויז גאָט מיט זיין פייערדיקן כתב קאָן צייכענען אויף די טורעמס פון דער זינד זיין צייכן, ויטהר צלם אלוהים.

איכה און עמק הבכה, די „שחיטה־שטאָט" און איצט „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" — דאָס זיינען די דענקמעלער וואָס זיינען אונדז געבליבן פון אונדזער יסורים־וועג. דאָס זיינען די דענקמעלער פון יידישער גבורה וואָס טראָגט דורך די גיהנומס פון פאַרניכטונג און גלייבט אין ביאַת המשיח.

דאָס איז דער תמצית פון יידישן נס. דאָס האָט אונדז געגעבן דעם כוח אין דור פון צעבראָכנקייט, פון ווייי און פון יאָמער גרינדן די יידישע מדינה. ווי עס וואָלט נאָכאַמאָל אויפגעפלאַמט דער עמוד־האש און געפירט אונדז דורכן מדבר פון יאוש.

ק. מ.

אֲנִי מַאֲמִין, אֲנִי מַאֲמִין

בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה,

בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ

אֲנִי מַאֲמִין . . .

וְאַף עַל פִּי שֶׁיִּתְמַהְמֵהַּ

עִם כָּל זֶה אֲנִי מַאֲמִין . . .

## א

# קדושים

**לייב אַפּעסקין**

## געטאָ מאָטיוו

איך טראָג מיין לעבן אום — אַ טרויעריקע לאַסט,
אין חרובער, אין חושחדיקער וואָר.
איך שעם זיך פאַר דער גראָער וויינענדיקער גאַס
צו טראָגן היינט מיין פּאַטלע שווארצע האָר.

איך שעם זיך פאַר די אויסגעבלייכטע טעג
וואָס וויקלען זיך אין שלעפּעריקן גאַנג,
וואָס מאָנען ניט — נאָר גייען שטיל אַוועק
און בעטלען בלויז, און פרעגן בלויז: „ווי לאַנג?"

און וואו דו זאָלסט זיך געבן בלויז אַ קער,
באַגעגנט דיך פון אונדזער צייט די וויסטע שאַנד.
ס'האָט אויסגעוויינט דער טאָג זיין לעצטע טרער
און ס'פירט די גאַוהדיקע נאַכט אים פאַר דער האַנט.

טאָ וואו איז עס — דאָס חוצפּהדיקע קינד, —
דער יונגער טאָג מיט זוניק-בלאָנדע האָר,
וואָס ט'אויסקויפן פון אונדזער צייט די זינד
און אויפמאָנען די שאַנד פון אונדזער דור?

# צען ברידער

צען ברידער זיינען מיר געוועזן,
ס'האָט ניט געהאַנדלט קיינער.
ניין פון אונדז האָט מען דערהרגעט
איז געבליבן איינער.

גיי איך און ברום דאָס לידל:
„ווינד איז מיר און ווי מיר —
צען ברידער זיינען מיר געוועזן
בין איך געבליבן איינער".

זע איך טרויער בלויז און טרערן
וואו איך גיי און שטיי נאָר. —
פון צען ברידער וואָס זיינען געוועזן
איז נאָר געבליבן איינער.

גייט רציחה אום און יובלט,
הינטער איר — געוויין נאָר.
גיי איך עלנט, ברום דאָס לידל:
„איינער, איינער, איינער".

ביילט זיך וואו אַ פויסט אַ דאַרע;
קריצן וואו זיך ציינער.
פון צען ברידער, וואָס זיינען געוועזן
זאָל ניט בלייבן קיינער?!

(לייב אָפּעסקין, געבוירן אין ווילנע אין 1907,
געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן אין 1944)

**הירש גליק**

## זאָג נישט קיינמאָל!

(פּאַרטיזאַנער — הימן פון ווילנער געטאָ)

זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג;
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זיינען דאָ!

פון גרינעם פּאַלמען-לאַנד ביז ווייטן לאַנד פון שניי,
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי,
און וואו געפאַלן איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה אונדזער מוט.

ס'וועט די מאָרגן-זון באַגילדן אונדז דעם היינט,
און דער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט,
נאָר אויב פאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאַיאָר —
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור.

דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט און נים מיט בליי,
ס'איז נים קיין לידל פון אַ פויגל אויף דער פריי,
דאָס האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלייענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זיינען דאָ!

## שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט

שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט,
און דער פֿראָסט — ער האָט געברענט;
צי געדענקסטו ווי איך האָב דיך געלערנט
האַלטן אַ שפּייער אין די הענט.

אַ מויד, אַ פּעלצל און אַ בערעט,
און האַלט אין האַנט פֿעסט אַ נאַגאַן,
אַ מויד מיט אַ סאַמעטענעם פּנים
היט אָפּ דעם שונאס קאַראַוואַן.

געצילט, געשאָסן און געטראָפֿן
האָט איר קליינינקער פּיסטויל,
אַן אויטאָ אַ פֿולינקן מיט וואָפֿן
פֿאַרהאַלטן האָט זי מיט איין קויל.

פאַרטאָג פון וואַלד אַרויסגעקראָכן,
מיט שניי־גירלאַנדן אויף די האָר,
געמוטיקט פון קליינינקן נצחון
פאַר אונדזער נייעם, פרייען דור.

(הירש גליק איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע, אין 1920. אומגעקומען אין קאַמף קעגן די דייטשן אין עסטאָניע).

**מרדכי געבירטיג**

# אין געטאָ

גלייך ווי די טריט אויף אַ זאַמדיקן וועג
פון מחנות פאַרמאַטערטע קנעכט,
ציען אין געטאָ זיך אונדזערע טעג,
אונדזערע שלאָפלאָזע נעכט...

ציען די שעהן זיך שווערער ווי בליי,
מינוטן פול אימה און שרעק,
בעט מען, דער טאָג זאָל כאָטש זיין פאַרביי,
די נאַכט זאָל בשלום אַוועק.

שלאָפט מען נישט גאַר, נאָר מען האָרכט און מען וואַכט,
פאַלט עפּעס שרעקלעכעס איין.
אויף וועמען וועט פאַלן דער גורל די נאַכט,
זייערס אַ קרבן צו זיין?...

ליגט מען אַזוי און די אימה איז גרויס
הערנדיק סקריפּען אַ טיר,
ציטערט דאָס האַרץ, ווען פון הונגער אַ מויז
גריזשעט אַ שטיקל פּאַפּיר.

שטאַרבט אָפּ אַן אבר, ווען ס׳טראָגט זיך אַרום
אין הויף מיט פּאַפּירלעך דער ווינט,
געזעגנט מען זיך אַן שום לשון ווי שטום
מיט מאַמעס, מיט ווייב און מיט קינד.

און אזוי ליגט מען אין אימה און שרעק,
געיאָגט און דערנידעריקט ווי קנעכט —
און אזוי ציען זיך אונדזערע טעג
אונדזערע שלאָפלאָזע נעכט.

קראָקע — געטאָ, מאַי 1942

**אידאַ גראַדזיאַנאָווסקי**

# שוין גענוג

יעדן פרי, יעדן פרי קלאַפּט דיין פּוס יעדן טאָג אויפן האַרטן ברוק.
און די פיס, דיינע פיס, אין דעם גאַנג אויפן ברוק שוין געוואָרן מיד.
וואו דו גיסט זיך נאָר אַ קער און דו גיסט זיך נאָר אַ דריי
זיינען וועלטס אַלע טירן געשלאָסן פאַר זיי.
שוין גענוג, שוין גענוג קלאַפּט דיין פּוס יעדן טאָג אויפן האַרטן ברוק.

און די שיך, דיינע פיס קלאַפּן אוים יעדן מאָרגן דעם אַרבעטס-טאָג פאַר זיך.
און די שיך, דיינע פיס, איז דער גאַנג אויפן ברוק שוין געוואָרן מיאוס.
נאָר די פיס בינדן קייטן, וואָס קיינער זעט ניט זיי,
און זיי צווינגען צו שפּאַנען און גיין דאָ אין דער ריי.
און די שיך, דיינע פיס קלאַפּן אוים יעדן מאָרגן דעם אַרבעטס-טאָג פאַר זיך.

שוין גענוג, שוין גענוג קלאַפּט דיין פּוס יעדן טאָג אויפן האַרטן ברוק.
אָ, איר פיס! איר מוזט גיין, כאָטש פאַרמאַטערט, פאַרבלוטיקט און בלייבן שטיין...
אָ, איר פיס! איר מוזט אַלע דערפילן דעם באַפעל,
זאָל די צייט אָבער קומען, דאַן וועט איר לויפן שנעל...
שוין גענוג, שוין גענוג קלאַפּט דיין פּוס יעדן טאָג אויף דעם האַרטן ברוק.

(אידאַ גראַדזיאַנאָווסקי איז אומגעקומען אין 1945, אין עלטער פון 20 יאָר, ווען מען האָט זי געטריבן אין אַ לאַגער ניט ווייט פון בידגאָשטש).

**הערשעלע**

## ווייב און קינדער נעבעך הונגערן

ווייב און קינדער נעבעך הונגערן,
שכנים קוקן קרום און קייכן,
וויל מיר ס׳מזל ווער פאַרגרינגערן —
מוז איך אים פאַר חרפּה ווייכן...

אָדם נאַקעט און אַ באָרוועסער,
אָפּגעפּליקט און אָפּגעריסן —
שלעף איך אום זיך אויף די חורבותער,
נישט צו טראַכטן, נישט צו וויסן...

פון די זאָרגן אַ פאַרמאַטערטער,
קראַנק אָן כוחות און צעבראָכן —
וואַלגער איך מיך אַ געפּטרטער,
לאַנג פאַרלוירן דעם בטחון...

פונעם גורל אַ צעפּרעסענער,
פונעם בייזן יאָך דערשלאָגן —
גיי אַרום איך אַ פאַרגעסענער,
קאָן די צרות נישט דערטראָגן...

עמעץ ווייסט פון ליכט און פריידיקייט,
פון מנוחה און פון האָפן,
מיר נאָר בלייבט די פּוסטע ליידיקייט,
מיר נאָר בלייבט דער קבר אָפן...

# ווער קאָן וויסן וואָס מיר פעלט

ווער קאָן וויסן וואָס מיר פעלט,
וואָס מיך מאַטערט, וואָס מיך קוועלט.

וואָס עס פּייניקט שווער מיך, אוי,
פון מיין טיפעניש אַזוי?

עפּעס פיל איך מיך גערירט,
ווי עס פרעסטלט מיך און פרירט,

ווי מיך פיבערט קאַלט און היים,
דורכגעווייקט און פייכט פון שוויים...

ווי מיין קערפּער ביזן גרונט
איז אַן אָפן טיפע וואונד,

און זי אייטערט, ברענט און בריט —
אַז איך גוסס טריט נאָך טריט...

(הערשעלע איז אומגעקומען פון הונגער אין וואַרשעווער געטאָ).

## „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק"

### זינג!

„זינג, נעם דיין האַרף אין האַנט, הויל, אויסגעהוילט און גרינג,
אויף זיינע סטרונעס דין, וואַרף דיינע פינגער שווער,
ווי הערצער, ווי צעוויטאַקטע, דאָס ליד דאָס לעצטע זינג,
זינג פון די לעצטע יידן אויף אייראָפּעס ערד".

— ווי קען איך זינגען? ווי קען איך עפענען מיין מויל,
אַז איך בין געבליבן איינער נאָר אַליין —
מיין ווייב און מיינע עופהלעך די צוויי — אַ גרויל!
מיך גרוילט אַ גרויל... מע וויינט! איך הער ווייט אַ געוויין —

„זינג, זינג! הויב אויף צעוויטאַקט און געבראָכן הויך דיין שטים,
זוך, זוך אים אויף דאָרט אויבן, אויב ער איז נאָך דאָ —
און זינג אים... זינג דאָס לעצטע ליד פון לעצטן יידן אים,
געלעבט, געשטאָרבן, נישט באַגראָבן און נישטאָ..."

— ווי קען איך זינגען? ווי קען איך אויפהויבן מיין קאָפּ?
מיין ווייב אַוועקגעפירט, און מיין בן־ציונקען און יאָמעלען —
אַ קינד —
איך האָב זיי נישט ביי מיר דאָ, און זיי לאָזן מיך נישט אָפּ!
אַ, שאָטנס פינצטערע פון מיינע ליכטיקסטע, אַ שאָטנס, קאַלט
און בלינד!

„זינג, זינג אַ לעצטן מאָל נאָך דאָ אויף דר׳ערד, פאַרוואַרף
דיין קאָפּ אַהינטער, פאַרגלייז די אויגן אין אים שווער
און זינג אַ לעצטן מאָל אים, שפּיל אוים אים אויף דיין האַרף:
נישטאָ שוין מער קיין יידן! אויסגעהרגעט און נישטאָ זיי מער!".

— ווי קען איך זינגען? ווי קען די אויגן איך פאַרגלייזט
אין קאָפּ אין מיינעם הויבן? אַ טרער פאַרגליווערט האָט
פאַרקליבן זיך אין אויג מיר... זי רייסט זיך, רייסט
פון אויג אַרויס זיך — און זי קען נישט פאַלן... גאָט, מיין גאָט!

„זינג, זינג, הויב אויף צו הימלען הויך און בלינד דיין בליק,
ווי ס׳וואָלט געווען אַ גאָט דאָרט אין די הימלען... ווינק אים, ווינק —
ווי ס׳וואָלט געשיינט, געלויכטן אונדז נאָך דאָרטן גרויס אַ גליק!
זיץ אויף די חורבות פון דעם אויסגעהרגעטן פון פאָלק און זינג!"

— ווי קען איך זינגען — אַז ס׳איז די וועלט מיר וויסט?
ווי קען איך שפּילן מיט פאַרבראָכענע מיט הענט?
וואו זיינען מיינע טויטע? איך זוך די טויטע מיינע, גאָט, אין יעדן מיסט,
אין יעדן בערגל אַש — אָ, זאָגט מיר וואו איר זענט?

שרייט אוים פון יעדן זאַמד, פון אונטער יעדן שטיין,
פון אַלע שטויבן שרייט, פון אַלע פלאַמען, פון יעדן רויך —
ס׳איז אייער בלוט און זאַפט, עס איז דער מאַרך פון אייער ביין,
ס׳איז אייער לייב און לעבן! שרייט אַרוים, שרייט הויך!

שרייט אַרויס פון חיות־אינגעווייד אין וואַלד, פון פיש אין טייך —
זיי האָבן אייך געגעסן, שרייט פון קאַלכאויוונס, שרייט קליין און
גרויס,
איך וויל אַ גוואַלד, אַ ווײ געשריי, אַ קול, איך וויל אַ קול פון אייך,
שריי, אויסגעהרגעט יידיש פאָלק, שריי, שריי אַרויס!

נישט שריי צום הימל — ער הערט דיך ווי די ערד, דער הויפן מיסט,
שריי נישט צו דער זון, נישט רייד צום לאָמפּ... אַך, ווען איך קען
פאַרלעשן זי ווי מען פאַרלעשט אַ לאָמפּ אין רוצחים־הייל דאָ
ווייסט!
מיין פאָלק, האָסט מער געלויכטן! ביסט ליכטיקער געווען!

אַ ווייז זיך מיר, מיין פאָלק, באַווייז זיך, שטרעק די הענט
אַרויס פון גריבער טיף און מיילן לאַנג און אָנגעפּראָפּט געדיכט,
שיכט אונטער שיכט, מיט קאַלך באַגאָסן און פאַרברענט,
אַרויף! אַרויף! שטייגט פון דער אונטערשטער, דער טיפסטער
שיכט!

קומט אַלע פון טרעבלינקע, פון סאָביבאָר, פון אַשוויענטשים,
פון בעלזשעץ קומט, קומט פון פּאָנאַר, און פון נאָך, פון נאָך
פון נאָך!
מיט אויגן אויפגעריסן, פאַרגליווערט אַ געשריי, אַ גוואַלד און אָן
אַ שטים,
פון זומפּן קומט, פון בלאָטעס איינגעזונקען טיף, פון פוילן מאָך —

קומט געטריקנטע, צעמאַלענע, צעריבענע, קומט, שטעלט זיך אויס,
אין אַ קאַראַהאַד, אַ ראָד אַ גרויסן אַרום מיר, איין גרויסע רייף —
ייִדעס, באָבעס, טאַטעס, מאַמעס מיט די קינדערלעך אין שויס —
קומט ביינער ייִדישע פון פּראַשקעס, פון שטיקלעך זייף.

ווייזט זיך מיר, באַווייזט זיך אַלע מיר, קומט אַלע, קומט,
איך וויל אייך אַלע זען, איך וויל אייך אָנקוקן, איך וויל
אויף מיין פאָלק, מיין אויסגעהרגעטן, אַ קוק טאָן שטום,
פאַרשטומט —
און איך וועל זינגען... יאָ... אַהער די האַרף — איך שפּיל!

3—5.10.1943

## זיי זיינען דאָ שוין די וואַגאָנען ווידער

א.

אַ שרעק, אַ מורא אימהדיק, אַ פּחד גרוים באַפאַלט מיך, נעמט אַרום
מיך פעסט —
זיי זיינען דאָ שוין, די וואַגאָנען ווידער! נעכטן ערשט פאַרנאַכט —
אַוועק —
און היינט — זיי זיינען דאָ שוין ווידער, זיי שטייען אויפן אומשלאַק
שוין... דו זעסט,
די אָפענע די מיילער? זיי האָבן אויפגעעפנט זיי, אַ שרעק!

ב.

זיי ווילן נאָך! זיי ווילן ווידער שוין, זיי ווערן גאָרנישט זאַט,
זיי שטייען שוין און וואַרטן — יידן! ווען ברענגט מען זיי אַהער?
הונגעריקע — ווי זיי וואָלטן נאָך קיין ייד אין מויל אין זייערע
געהאַט...
געהאַט! און אַז געהאַט, איז וואָס? זיי ווילן מערער נאָך, זיי ווילן
מער!

ג.

זיי ווילן נאָך, זיי שטייען שוין און וואַרטן ווי געגרייט אַ טיש,
און גרייט צום עסן — יידן! אַהער זיי, וויפל ס'וועט אַריין!
יידן! ס'אַלטע פאָלק מיט קינדער יונגינקע, יונג אַזוי און פריש,
יונגע טרויבן פון אַן אַלטן צווייג, און יידן אַלט ווי אַלטער שטאַר-
קער ווייַן.

ד.

מיר ווילן נאָך, נאָך יידן... וואַגאָנען ווי גזלנים קאַלט און האַרט,
זיי שרייען: נאָך! און מער נאָך! זיי ווייסן ניט פון קיין גענוג,
זיי שטייען שוין און וואַרטן אויפן אומשלאַק... מען וואַרט אויף
אונדז, מען וואַרט,
וואַגאָנען תמעוואַטע, ברייט געעפנטע אַ סך, אַ גאַנצער צוג.

ה.

זיי זיינען פול געווען דאָ ערשט, געשטיקט פון יידן זיך, דערשטיקט,
יידן טויטע זען' געשטאַנען נעכטן צווישן לעבעדיקע דאָ
— געפּלעפּט

טויטע זען׳ געשטאַנען און פֿאַלן ניט געקענט אין דעם געדריק,
נאָר ס׳איז געווען ניט קאַנטיק ווער פֿון זיי איז טויט און ווער
עס לעבט.

ו.

ביים טויטן יידן האָט זיך לעבעדיק געשאָקלט הין און הער דער
קאָפּ,
און פֿון דעם לעבעדיקן האָט געגאָסן זיך דער טויטער שוויים;
אַ יידיש קינד בעט ביי זיין טויטער מאַמען: וואַסער! גיב וואַסער
מיר אַ טראָפּ!
עס שלאָגט איר מיט די הענטעלעך אין פּנים: לאָז! עס איז מיר
היים!

ז.

און נאָך אַ קינד, אַ קליינינקס אויף זיין טויטן פֿאָטערס הענט —
יאָ, קינדער כאָטש פֿארחלשטע, פֿאַרשמאַכטע — קינדער האַלטן
אוים!
דער טאַטע זיינער, כאָטש אַ גרויסער — האָט ניט אויסהאַלטן
געקענט —
ס׳קינד ווייסט ניט, ס׳בעט זיך אַלץ נאָך: קום! קום, טאַטע! קום
אַרוים!

ח.

און ווייט דאָרט אין וואַגאָן, אין יענער זייט דאָרט, אין יענעם עק
וואַגאָן
איז עפּעס פֿאָרגעקומען, האָט וואָס פּאַסירט און קיינער ווייסט ניט
וואָס?

דער עולם אַבער שמייכלט, דער עולם אַבער שטויסט זיך אָן,
ס'איז עמעצער אַרויסגעשפּרונגען דאָרט... הערט, הערט אַ שאָס!

ט.

ס'איז ווער אַרויסגעשפּרונגען... און יידן שמייכלען, מען גיט
פאַרשטומט אַ לאַך,
אַ, יידן טייערע, אַ, יידן הייליקע איר מיינע וואָס איר זייט!
וואָס פרייט איר זיך? הערט דער אוקראַינער — ער שיסט אַראָפּ
פון דאַך,
איז וואָס? אַבי ס'איז ווער אַרוים! אַבי עס האָט זיך עמעצער
באַפרייט.

י.

און אַז אַ קויל איז וואָס? עס ווינטשן אַלע זיך דאָ אין וואַגאָן
אַ קויל —
זי מיידט דאָך קיינעם ניט! בעסער שוין זי טרעפט אונדז פריי אין
פעלד,
איידער... וואו? וואו פירט מען אונדז? ווער זאָגט עס ווידוי
מיטן פולן מויל?
זאָגט נאָך! זאָגט אַלע נאָך — און ס'וואַרפט פון היץ אייך אַלעמען
אין קעלט.

יא.

ליידיקע וואַגאָנען! איר זענט ערשט פול געווען, יעצט זענט איר
ווידער לער,
וואו האָט איר זיי אַהינגעטאָן, די יידן? וואָס איז מיט זיי געשען?

צענטויזנט אָפּגעציילטע און פאַרחתמעט — ווי קומט איר ווידער
דאָ אַהער?
אָ, זאָגט, וואַגאָנען מיר, וואַגאָנען ליידיקע, זאָגט, וואו זענט איר
געווען?

יב.

איר קומט פון יענער וועלט, איך ווייס, זי מוז זיין גאָר ווייט,
ר׳זענט נעכטן ערשט אַוועק פון דאַנען אָנגעלאָדענע און היינט —
איר זענט שוין דאָ!
וואָס איילט איר זיך אַזוי, וואַגאָנען? וואָס האָט איר ניט אַזוי
קיין צייט?
איר וועט ווי איך גיך אַלט ווערן, ווי איך צעבראָכן, אַלט און גראָ.

יג.

פון צוקוקן אַליין, פון צוזען אַלץ, פון צוהערן דאָס אַלץ — געוואַלד!
ווי האַלט איר׳ס אויס, און כאָטש איר זענט פון אייזן און פון
האָלץ —
אָ, אייזן! ביסט אין דר׳ערד געלעגן טיף, אָ אייזן, אייזן קאַלט,
אָ, האָלץ, דו ביסט אַ בוים געוואַקסן אויף דער ערד, אי הויך,
אי שטאָלץ!

יד.

און יעצט? איר זענט וואַגאָנען, לאַסט-וואַגאָנען יעצט, איר קוקט
זיך צו,
איר שטומע עדות פון אַ לאַסט אַזאַ, אַ פּיין, און פון אַזאַ אַ נויט!

איר האָט זיך שטומע און פאַרמאַכטע צוגעקוקט, אַ, זאָגט
וואַגאָנען, וואו
איר פירט, איר האָט דאָס פאָלק דאָס יידישע אַרויסגעפירט
צום טויט?

טו.

איר זענט ניט שולדיק, מען לאָדנט אָן אייך דאָ און מען זאָגט
אייך: פאָרט!
מען שיקט אייך אָפּ מיט פולן, מען טרייבט מיט ליידיקן אייך צריק
אַהער —
וואַגאָנען איר, איר קומט פון יענער וועלט, אַ זאָגט מיר, זאָגט
אַ וואָרט,
גיט, רעדער, זיך אַ דריי, דערציילט, און איך, איך לאָז אַ טרער...

## ליד פון הונגער

קום, טייערער, אין גאַס אַרויס, קום שטאַרבן
אין די גאַסן,
אויף די טראָטואַרן אויף די האַרטע, אויף די האַרבע,
נעם מיט די קינדער אונדזערע, די בלאַסע.

נעם מיט דעם עלטערן, דעם מיטעלן נעם מיט,
דער דריטער אונדזערער — ער איז נאָך גאָר אַ יונגער,
ער וועט באַוויזן אָבער ווי אַ דערוואַקסענער אַ ייד
אויסגיין אויפן גאַס פון הונגער.

קום אין גאַס, קום — קום אויף קאַרמעליצקע,
מיר פּאַסן זיך אַריין דאָרט אין דעם רומל —
די גייען און די פאַלן, די בלייבן זיצן,
אויף קאַרמעליצקע איז אַ גרויסער טומל.

קום אַרויס! אָ, קום אַרויס פון שטוב —
אַ ליידיקע אַ שטוב — איך שעם פאַר זיך אַליין זיך
ליגן דאָרט אַ לעבעדיקער אין דעם גרוב,
אַ הונגעריקער טאַר אין שטוב נישט שטאַרבן איינזאַם.

אין גאַס איז נישט צו שעמען זיך, מען גייט אַרויס,
מען לייגט זיך אויס געשוואָלענע-געדראָלענע און אַנגעגורטע,
אַ לעגיאָן אַ גאַנצער גייט צוזאַמען אויס,
מען שטאַרבט דאָרט הורטעם, הורטעם.

מיר אויך, מיר וועלן זיך צעלייגן אויף די טראָטואַרן,
ניין, נים צעלייגן זיך — מיר וועלן פאַלן,
ניין, ניין, נישט פאַלן, צעלייגן זיך און האַרץ צו האַרץ,
און שטאַרבן, שטאַרבן ווי עס שטאַרבן אַלע.

# לידער פון קעלט

## א

אין שטוב איז קאַלט, אַ קעלט אַ ביטערע,
עס יאָגן אין מיין שטוב זיך וועלף אום,
אויף די שויבן האָבן אָנגעזעצט זיך בערן,
איך, מיין פרוי און מיינע קינדער ציטערן
און קענען זיך נישט העלפן...

און קיינער זעט עס נישט, און קיינער וויל נישט הערן.
וויינט נישט, אָ, נישט וויינט, די טרערן,
כאָטשע שטילע,
קענען נאָך חלילה
אייך אין אייז פאַרפרוירן ווערן.

אין שטוב איז קאַלט. עס איז אַ מורא מיר,
אַ פחד מיך באַפאַלן אין מיין היים מיר.
און כ׳בין אַרויס אין גאַסן וויסטע,
איך בין געגאַנגען איבער מענטשן שוין פאַרפרוירענע
ווי אָפּגעהאַקטע ביימער,
די הענט פאַרוואָרפן מיט אַ שטומער אימה
ווי אַ גוואַלד-געשריי ווי אַן אומזיסטער,
ווי אַ וויסטער,
צי באַגריסט איר
גאָר מיך, שטייף אַזוי באַגריסט איר?

ב

אין שטוב איז קאַלט און פינצטער אויך.
כ׳האָב די פּאַפּירענע די שוואַרצע בויגן
ביינאַכט פון מיינע פענצטער שטיל אַראָפּגעצויגן,
און ס׳האָט אַריינגעקוקט צו מיר די לבנה פון דער הייך,
באַגאָסן מיט אַ קאַלטער שיין מיך, מיט אַ ליכטיקער אַ פּאַרע.
און שטערן אָן אַ צאָל
האָבן דורך אַ שפּאַרע,
פּונקט ווי אַ מאָל, אַ מאָל
צו מיר געבלינצלט:
פיל גליק! פיל גליק!
הערט־אויף! הערט־אויף! עס איז געקינצלט,
איר זענט נישט עכט!
איר מאַכט מיר אייגעלעך ווי אַ מאָל, אין יענע נעכט —
הערט אויף!

די שטערן האָבן אָבער געמאַכט זיך כלא ידע,
פון מיר נישט אָפּגעריסן זייער גאָלדענעם און ציטערדיקן פאָדעם,
זיי האָבן אַלץ נאָך אָן אַ סוף
צו מיר געוואונקען —
ווערט איינגעזונקען!
כ׳האָב וואָרעם אויסגעשפּרייט די הענט, די קאַלטע
צו פריינד צו אַלטע
צו די שטערן —
אַ, איינגעזונקען זאָלט איר ווערן!

(יצחק קאַצענעלסאָן איז אומגעקומען אין יאָר 1944,
אין אָשוויענטשים).

**אַלטער קאַציזנע**

# אָן אַ היים

אַ בלעטל צו אַ בלעטעלע, פון שטרויעלעך מיט ליים
זיך אויסגעבויט אַ בעטעלע, זיך אויסגעבויט אַ היים.
איצט בלאָזן בייזע ווינטעלעך — עס קומען אָן די פרעסט,
איצט וויי איז אונדז און ווינד איז אונדז —
פאַרטריבן פון דער נעסט.

אָן אַ היים, אָן אַ דאַך, וואו געטאָגט, נישט גענאַכט.
ווער־זשע, ווער אין שניי און קעלט וועט אונדז דערוואַרעמען?
ווער־זשע, ווער אַצינד אויף אונדז וועט זיך דערבאַרעמען?
אָן אַ היים, אָן אַ וועג, שוואַרצע נעכט, וויסטע טעג —
אונדזער נעסטעלע צעשמעטערט און די פליגעלעך געליימט.
אָן אַ היים, אָן אַ וועג, אוי, אָן אַ היים!

מיר וואָגלען און מיר וואַנדערן
אַריבער ים און לאַנד,
פון איין אָרט אויפן אַנדערן
אויף וועגן אומבאַקאַנט;
פון אַלע עקן פינצטערע עס בלאָזט אַ בייזע קעלט,
פון אַלע וויסטע ווינקעלעך עס פלאָגט אַ בייזע וועלט.

אָן אַ היים, אָן אַ דאַך, וואו געטאָגט, נישט גענאַכט.
ווער־זשע, ווער אין שניי און קעלט וועט אונדז דערוואַרעמען?
ווער־זשע, ווער אַצינד אויף אונדז וועט זיך דערבאַרעמען?
אָן אַ היים, אָן אַ וועג, שוואַרצע נעכט, וויסטע טעג —
אונדזער נעסטעלע צעשמעטערט און די פליגעלעך געליימט.
אָן אַ היים, אָן אַ נעסט און אָן אַ היים.

(אַלטער קאַציזנע איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך
אוקראַינישע רוצחים אין אַ דאָרף לעבן טאַרנאָ־
פּאָל אין 1941).

**לייב ראָזענטאַל**

## ש אַ ט נ ס

(פראַגמענט)

...ווייל מיר זיינען ווי שאָטנס,
בלאָנדזשען שטיל דורך דער נאַכט,
ווייל אין לעבן אָן ליכט
ווייס ניט ווער וואו ער קריכט,
פרעמד זיין אייגן געזיכט...
יעדע טיר, יעדער לאָדן
איז פאַר אונדז היינט פאַרמאַכט...
וועסט פון אומעט געיאָגט,
קיינער פרעגט וואָס דיך פלאָגט,
צי אַ האַרץ אין דיר שלאָגט!
זוכסט דיין געזיכט, דיין אייגן איך
און קענסט עס ניט געפינען.
קומסט מיט דער נאַכט
און ווערסט אין נאַכט צערונען.
ווייל מיר זיינען ווי שאָטנס
וואָס די נאַכט האָט צעשפרייט,
נאָר זי איינע פאַרשטייט
וואו אהין יעדער גייט,
ווער צום לעבן — ווער צום טויט.

היינט האָסט געטראָפן מיך דאָ, פריינט.
זעסט מיין פרייד, וואָס האָט געשיינט,
שוין פאַרשוועקט פון געוויטער.

כ׳בין עלנט, הפקרדיק אליין,
אויפן וועג — אַ הוילער שטיין,
קיינער הערט ניט מיין געוויין,
קיינעם אַרט ניט מיין ציטער.
ווי אַפּט איך פאַרגעס,
אַז אין מענטש כ׳בין געראָטן;
מיר דוכט: כ׳בין אַ מת
אָדער גאָר בלויז אַ שאָטן.

ווייל מיר זיינען ווי שאָטנס,
בלאָנדזשען שטיל דורך דער נאַכט,
ווייל פון לעבן אָן ליכט
ווייס ניט ווער וואו ער קריכט,
פרעמד זיין אייגן געזיכט.
יעדע טיר, יעדער לאָדן
איז פאַר אונדז היינט פאַרמאַכט,
ווערסט פון אומעט געיאָגט,
קיינער פרעגט וואָס דיך פּלאָגט,
צי אַ האַרץ אין דיר שלאָגט!
זוכסט דיין געזיכט, דיין אייגן איך,
און קענסט עס ניט געפינען.
קומסט מיט דער נאַכט
און ווערסט אין נאַכט צערינען.
ס׳וועלן שאָטנס פאַרשווינדן,
ווען אין גרויקייט זען באַלד,
ווי פון שאָטן וואָס פאַלט
טיילט זיך אויס אַ געשטאַלט,
ווי די זון העל צעשטראַלט.

# מיר לעבן אייביק

מיר לעבן אייביק, עס ברענט אַ וועלט.
מיר לעבן אייביק, אָן אַ גראָשן געלט.
און אויף צעפּיקעניש אַלע שונאים
וואָס ווילן אונדז פאַרשוואַרצן אונדזער פּנים —
מיר לעבן אייביק, מיר זיינען דאָ!
מיר לעבן אייביק אין יעדער שעה
מיר ווילן לעבן און דערלעבן
שלעכטע צייטן איבערלעבן,
מיר לעבן אייביק, מיר זיינען דאָ!

(לייב ראָזענטאַל איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך
די דייטשן ביי קעניגסבערג אין 1945).

**לאה רודניצקי**

## דרעמלען פייגל אויף די צווייגן

דרעמלען פייגל אויף די צווייגן,
שלאָף, מיין טייער קינד.
ביי דיין וויגל אויף דיין נאַרע
זיצט אַ פרעמדע און זינגט:
ליו־ליו, ליו־ליו, ליו.

ס'איז דיין וויגל וואו געשטאַנען
אויסגעפלאָכטן פון גליק,
און דיין מאַמע, אוי, דיין מאַמע
קומט שוין קיינמאָל ניט צוריק.
ליו־ליו, ליו־ליו, ליו.

כ'האָב געזען דיין טאַטן לויפן
אונטער האָגל פון שטיין,
איבער פעלדער איז געפלויגן
זיין פאַריתומטער געוויין.
ליו־ליו, ליו־ליו, ליו.

# דער אַנטלאָפּענער פון טויטן אינדזל

אַוועק, איר געשפּענסטער! —
כ'צעפּליק אַלע הימלען
און פלאַקער פונאַנדער
די ערד מיט מיין גוף;
און כ'רייס אָט דאָס האַרץ מיינס
אַרויס מיט די בלוטן
און לייג עס אָט דאַ אויף די דלאָניעס אַרויף.
כאַ־כאַ־כאַ — — —

וואָס טו איך אַצינד אינעם נאַכטישן קלעם?
ווער בין איך?
אַ שאָרכן פון בלעטער,
אַ רוישן פון ווינט,
וואָס צערינט
און פאַרשווינדט
און ווי קיינמאָל געוועזן?

ס'קאָן זיין, אַז איך בין נאָר
אַ הינטיש געוואָי,
וואָס בלאָנקעט צעשאָסן
אויף באַרג, איבער טאָל
און פאַלט און צעצאַפּלט וואו ערגעץ אַ שטרוי
און פאַרגייט אָן אַן אָפּקלאַנג
אין וועלט סתם אַזוי...

צי בין איך אין בעט פון אַ מאַמען געבאָרן,
ביים צערטל פון ליכטער,
ביים שמייכלען פון ליפּן
אין תּפילה
אויף זוניקע יאָרן?
און אפשר?
און אפשר אויף בוידעמס,
אין קעלערס, אין גריבער,
ביים קלאַפּן פון הארצן
אין טייוולשן פיבער;
ווען ס׳געהער ווערט אַן אויג
און די אויגן — אַן אויער,
דער גוף און נשמה —
איין גרויסער געלויער;
און ס׳איילן די סאָוועס
און ס׳קראַמפּט אַ געיאָמער,
און ס׳גליווערט
אַ פאַרריגלט געשריי הינטער ציינער:
און טאָמער?

פאַרשווינדט, איר, געשפּענסטער,
קאָשמאַרן, אַוועק!
דורך טירן און פענצטער
מיט לאָמען, מיט העק,
מיט לאָמען און העק...

קעפּ, קעפּ, קעפּ.
און אויגן —
צעשטאָכן,
צעשלײדערט
אויף ערדענע טרעפּ.

— — — — — — — — — — — — — — —

און שטיל ווי אויף אינדזלען מיט יאָרן פאַרצאַמטע,
וואו ס'גרייכט ניט קיין זוניקער,
ליכטיקער קלאַנג.
נאָר קראָען און קראָען,
וואָס פּיקן די גראָקייט
באַגלייט פון צעלעכערטן קברים-געזאַנג.
קראַ — קראַ — קראַ — — —

(לאה רודניצקי, געבוירן אין 1916 אין קאַלוואַריע
ליטע, אומגעקומען אין 1943)

ש. שאַיעוויטש

# לך לך

(פראַגמענט)

און אַצינד, בלימעלע, קינד-לעב,
טו אָן ס׳מענטעלע און לאָמיר גיין —
אָט הוידלט זיך שוין די דריטע גרופּע
און צווישן זיי מוזן מיר אויך שוין זיין.

נאָר לאָמיר נישט וויינען, לאָמיר נישט
יאָמערן און להכעיס אַלע שונאים —
שמייכלען, מיר שמייכלען, אַז וואונדערן
זאָלן זיי זיך, וואָס יידן קאָנען.

און נישט פאַרשטיין, אַז אין אונדזער בלוט
ריזלט קראַפט פון אונדזערע זיידעס,
וואָס זיינען אין אַלע דורות
געגאַנגען אויף כלערליי עקדהס.

אַז כאָטש אונדזער טריט איז וואַקלדיק,
ווי דעם בלינדנס פאַר אַ פרעמדער טיר —
קלינגט אין אים דער עכאָ פון פעטערס
גאַנג אויף די וועגן פון סיביר.

און כאַטש ווי ביי אַ געפֿאַנגענער חיה
צוקט די שרעק אין אונדזער וויי,
ברענט דער שטאָלץ אין פֿלאַמיק הייסן בליק,
ווי ביים טאַטן אויף דער תּליה.

און כאַטש מען קאָן אונדז יעדע מינוט
פֿאַרפּייניקן און אויך דערשיסן —
אָך, נישט קיין נייעס איז עס — אונדזער
שוועסטער האָט מען נאַקעט געשמיסן.

און לאָמיר נישט וויינען, לאָמיר נישט
יאָמערן און להכעיס אַלע שונאים —
שמייכלען, נאָר שמייכלען און וואונדערן
זאָלן זיי זען וואָס יידן קאָנען.

און נישט וויסן, אַז ס'באַגלייטן אונדז היינט
די זעלבע מלאכים, וואָס אַמאָל —
פֿון רעכטס — מיכאל, פֿון לינקס — גבריאל,
פֿון פֿאָרנט — אוריאל, פֿון הינטן רפֿאל.

און כאַטש אונטער די טריט — דער טויט, —
איבערן קאָפּ — די שכינה פֿון גאָט —
איז קינד, אָרוים מיט מסירת נפֿש
נייעם, און מיטן אַלטן אחד.

## פרילינג תש״ב

(פראַגמענט)

און אין אַ מזלדיקער שעה
איז שוין דער פרילינג ווידער דאָ —
דער בוים וועט שלאָגן מיט נאָך אַ וואָרצל
טיפער אין דער ערד זיך איין,
און די פייגל וועלן זיך בויען
פרישע היימלעכע נעסטן.

נאָר מיינע געטאָ־ברידער
מוזן נאָך אַלץ פאַרלאָזן זייערע היימען,
די מיט גאָלדענע חלומות אַרומגעשפּינטע,
און סטאַדעסוויז — אין די צענדליקער,
אין די הונדערטער — זיך שלעפּן
טאָג ביי טאָג, נאַכט ביי נאַכט
אין זאַמל־לאַגער אַראָפּ
מקיים צו זיין די מצות גירוש.
זייערע טריט מיד און קראַנק
וואַקלען זיך, הוידען זיך ווי שיכורים.
נאָר שיכור זיינען זיי נישט פון וויין
און נישט פון בראַנפן. נאָר פון צרות און פּיין.
פון יאוש און ביטערניש.
זייערע הענט — האַלב געליימטע —
באַוועגן זיך קוים ווי פליגל ביי קראַנקע פייגל.

זייערע בליקן — תהומיש פינצטערע,
ווי שאָף צו דער שחיטה געפירט
און אין די הערצער קלאַפּט דער פחד
מיטן קלאַנג פון גרודעס ערד אין קברים געשיט.

ש. שאַיעוויטש, אַ פּאָעט פון לאָדזש, איז אומגעקומען
על קידוש השם אין אָשוויענטשים, אין 1944.

**משה שימעל**

# די אייביקייט

איך זוך אַן עצה ווי אַ מענטש וואָס איז מסוכן קראַנק.
איך וויל אַנטלויפן פון דעם אונטערגאַנג.
איך זוך אַ קרובהשאַפט ביי גראָזן און ביי שניי,
אפשר וועל איך אויפגיין גאָר אין זיי?
נאָר ס׳העלפט מיר גאָרניט אַז איך שריי און ס׳טוט מיר וויי...

איך פאַל צו דער ערד מיט בענקשאַפט און מיט פרייד,
איך זוך אין איר צו מיר, צו מיר אַן ענלעכקייט,
נאָר זי איז גרויס און שמעקט מיט אייביקייט.
איך טאַפּ די וואַנט, און טאַפּ דעם טיש, די שראַנק —
ס׳העלפט מיר גאָרניט, איך בין מסוכן קראַנק,
ס׳לויערט אין די נעכט אויף מיר דער אונטערגאַנג.
כ׳שעם זיך אויסזאָגן, איך בין פון בושה רויט,
ווייל איך האָב מורא פאַרן טויט.

## צו אַ יינגעלע

וויין נישט, יינגעלע, וויש אָפּ די טרערן, ס'וועט נאָך זיין גוט.
מיר וועלן פאַרהיילן די וואונדן וואָס טריפן מיט בלוט.

מיר שטייען אַליין אויף דער גאָרער וועלט קעגן זון, וואָס פאַרגייט.
אַליין, אַליין מיט אונדזער פּיין און מיט אונדזער אָרעמקייט.

מיר מוזן געפינען אַליין אַ טרייסט פאַר מיר און פאַר דיר,
און אַליין פאַרקלעפּן די ווענט, און אַליין פאַרריכטן די טיר.

זאָלן זיי שרעקן מיט מעסערס, זאָלן זיי שלאָגן און רויבן —
מיר וועלן פאַרלאַטען די קישנס, מיר וועלן אַריינשטעלן שויבן.

איינמאָל און צוויימאָל און דריימאָל, ביזן לעצטן מאָל דעם געגאַרטן,
מיר האָבן צייט און געדולד, מיר קאָנען וואַרטן.

וויין נישט, יינגעלע, וויש אָפּ די טרערן, זיי שטיל,
מיר וועלן פאַרריכטן דעם טיש און די בענק און דעם דיל.

מיר וועלן אויפשטעלן צוריק די שטוב וואָס זיי האָבן פאַרברענט.
עס וועלן נאָך גליען אין זון די געקאַלעכטע ווענט.

וויין נישט, יינגעלע, אַ שאָד די אויגן, עס גייען לויטערע טעג.
דער פרילינג וועט נאָך געפינען צוריק צו אונדז דעם וועג.

ווייל אונטערגעהאַקט וועלן ווערן, ווי אַלטע צעפּוילטע שטאַמען,
די הענט, וואָס האָבן געקוילעט דיין טאַטן און דיין מאַמען.

(1937)

(דער דיכטער משה שימעל איז אומגעקומען
אין אַ יידיש שטעטל אין גאַליציע).

ב

# טרויער, אמונה און גבורה

**אפרים אויערבאַך**

# קדיש דרבנן

(פון „יער הקדושים").

לאָמיר נעמען אַ מנין ביימער,
זאָגן קדיש דאָ פאַרנאַכט-צו,
אָדער לערנען פשוט לאמור:
ריין געוואַשן — ויתרחצו.

קלאַנג פון בערג אַ פרומער שטראָם איז,
אַ פרוכת איז די כמאַרע,
ווערט אַן עמוד פון נשמות,
בקדושה ובטהרה.

זאָג דעם ווינט שטיל און שטילער:
נעם אַן אַלטן בוים צערויש אים,
ער זאָל זיין דאָ דער בעל-תפילה
אינעם יער הקדושים.

דאַכט זיך, אַז סע בעט אַ בוים אים:
נאָר נישט וויינען, נאָר נישט מאָנען,
נישט קיין קדיש פון יתומים,
נאָר אַ קדיש דרבנן.

אונדזער טרויער, אַ צעבליטער,
פלאַטערט דאָ מיט גרינע פאָנען,
מיט דערהויבענע געמיטער
זאָגט אַ קדיש דרבנן.

# האָסט שוין פֿאַרברענט

האָסט שוין פֿאַרברענט מיין האָב-און-גוטס און מיך אַליין,
האָסט מיין הילצערנע שטוב צעהאַקט אויף שפּענער,
האָסט שוין אָפּגעשניטן אַפילו מיין געוויין,
איצטער טרעפֿן מיר זיך ווידער, צווישן אַש און שטיין, —
איך דער פֿאַרברענטער און דו דער פֿאַרברענער.

וואָס איז פון מיר געבליבן? נאָר דער פֿלאַטער פון געדאַנק,
ווי פון פליגל, ווען דער פויגל איז פֿאַרפלויגן,
ווי דער אָנריר פונעם ווינט אויף אַ צעטראָטענער זאַנג —
ס'שוועבט אויף איר אַפילו ניט דאָס שניטערישע געזאַנג,
ס'רוט איר שטויב אַפילו ניט אין וואַרעמקייט פון סטויגן.

ס'איז פֿאַרנאַכט, גרויע פֿאַטלעס האָט דער ווינט צעקעמט
אויף דיביימער, אויף די חורבות, אויף די שליאַכן,
ס'ווערט דער וועג צום הימל טרויעריק און שווער באַברעמט,
ס'שטרעקט צו דיר זיך אויס אַ הארטע האַנט און נעמט
פירן דיך צו מיר, צום אָנהויב פון דערוואַכן.

כ'זע דיך, גייסט צו מיר מיט וואַקלדיקע טריט,
וויפל נענטער דו קומסט, אַזויפיל ווערסטו קלענער,
און סך-הכל בין איך אַ נישטאָ-מער-ייד,
וואָס זיין קול נאָר אינעם זונפֿאַרגאַנג צום אין-סוף פליט, —
איך בין דער פֿאַרברענטער, דו ביסט דער פֿאַרברענער.

איצט באַגעגענען מיר זיך — דו אין גוף און איך אין קול,
דו מיט הענט פון צינדער, איך מיט קוים אַ פלאַטער,
אויף דער גרענעץ דאָ הענגט אַ וואָג, אַ שאָל,
ס׳ווערט דער וועג דאָ איינגעשרומפּן, שמאָל,
אָפּגעוואויגן ווערט דאָ מאַטערער און מאַטער.

שטייסט פאַרגליווערט, ווייסט ניט ווער די טריט דיר צוימט,
ווילסט די גראָבע הענט מיט טויט צעשווינגען,
אָבער ס׳האָט דער טויט מיט לעבן אויפגעשוימט,
דיך האָט ער מיט פינצטערניש אַרומגעזוימט,
דיך אַריינגענומען אין אַ נעץ פון רינגען.

האָסט פאַרבּרענט, טויט האָסטו אויף מיר געשפּרייט,
נאָר געבליבן איז פון מיר אַ רוף אַ דינער,
שטייסט אַצינד אַ צוגעשמידטער צו אַ קייט
און דו ווייסט נישט, אַז דאָס וואָרט מיינס גייט,
אַז דו ביסט דער פאַרלירער און איך בין דער געווינער.

## דער פאַרשטעלטער ייד

דאָס בין איך, דער אייגענער, דערקענסט מיך נישט, מיין גאָט?
ביים בית-עלמין אין קאַפּרעשט האָב איך געלעבט, פון דער זייט גדר,
און געזאָגט האָט מען אויף מיר, אז כ'בין דער אומעטיקסטער ייד אין שטאָט,
כ'האָב אַ רויטע באָרד געהאַט
און געדאַווענט אין חבד
און צום ערשטן מנין האָב איך תמיד זיך געפעדערט.

ס'איז דען שייך איצט קאַפּרעשט? אַ קנייטל אויפן ווינט,
פיו! פאַרלאָשן, אוי פאַרלאָשן ס'נפש, דאָס פאַרמעגן,
אַז אַ ייד ווי איך גייט אום נאָך אויף די רודעס און געפינט,
וואָס געפינט ער? שטיקער קויל,
און דער ייד אַליין איז הויל,
ס'גייט דער הונגער נאָך אים און די קעלט — אנטקעגן.

נאָר דער ייד, וואָס האָט אַמאָל אַ רויטע באָרד געהאַט,
גייט אַרום מיט אויסגעפליקטע האָר — אַ פאַלנער טומטום,
מיט די גויים אין די דערפער איז ער פאַני-בראַט,
אַ פאַרשטעלטער ייד — אַ גוי,
און ער ווייסט נישט, צי ס'איז גוט אַזוי,
אָבער לעבן וויל ער, זאָג אַליין, צי לעבן קומט אים?

דאָס בין איך טאַקע דער ייִד, ס׳איז מיט מיר געשען דער נס,
און איך הייס נישט מאיר, פּיאָטער הייס איך, ניין פּעטרושאַ,
כ׳בין זיך מודה, ס׳טרעפט אַמאָל, אַז איך אַליין פאַרגעס,
אַז נאָך איצט בין איך אַ ייִד,
נאָר דאָס הארץ מיינס קאָכט און זידט,
כ׳פּיל ווי ס׳ברענט אויף מיר די הויט פון ווייטיק און פון בושה.

ווי איך שטיי דאָ איצטער, ציטעריק און דורכגעווייטיקט,
אויף די חורבות פון חבדער, אומעטיקער, עלטער,
פרעג איך אַליין: פאַרוואָס האָסטו אויף אונדז די שטראָף
אַרויפגעלייגט?

און פאַרוואָס-פאַרוועו
איז מיט מיר דער נס געשען,
אַז נאָר איך זאָל לעבן, וועלן לעבן, אַ פאַרשטעלטער?

דאָס בין איך, כ׳האָב די טעג געקאַרבט, פאַר יעדן טאָג אַ קאַרב
אויף אַ סלופּ, כ׳האָב אָפּגעציילט דעם גאַנג פון דער לבנה,
און איך ווייס, אַז וויפל ייִדישקייט איך טרעט, פאַרדאַרב,
איז נאָך דאָ אין דאָרף דער סלופּ,
וואָס פאַרבינדט מיך ווי אַ קנופּ
מיטן שורש, אַז איך זאָל זיך אין די פאַרכטיקע טעג דערמאָנען.

נו, איז פאַרכטיק, טעג פון רעכענונג צו דיר, פון דין,
כ׳האָב קיין סידור נישט, קיין מחזור האָב איך נישט אַוודאי,
נאָר כ׳געדענק דעם תוך פון דעם געבעט, די טייטש, דעם זין,

אין געביין ליגט מיר דער טעם
פון געוויין, געזאַנג און פּלאַם
אינעם שטיבל ראָש השנה ביים חבדער.

כ׳הויב דאָס קול מיינס און איך זאָג דיר, אַז איך פאַרכט, איך
פאַרכט,
ווי איך שטיי דאָ, אָן דער באָרד, אין גוואַישער סערמענגע,
ווי דער ווינט אויף חורבות קרעכצט, ווי דער טויט נאָך שאַרכט,
ווי דער ציטער פונעם בלאַט
אויף די שטיינער פון חבד,
ווי די גרויע כמאַרעס, וואָס מיט פּחד אויף מיר הענגען.

דאָס בין איך, אין שערי־רחמים קלאַפּ איך, ווי איך בין,
און איך וויים, אַז דו דערקענסט מיך, מיך — דעם שטילן מאיר,
וואָס געהאַט האָט ער אַ רויטע באָרד און האָט געגלייבט אין דין,
וואָס אַצינד איז ער פאַרשטעלט
און אַליין שטייט ער אין פעלד,
אַז אַרונטערגייסן זאָל דער ווינט פון אים דעם שלייער.

ס׳איז פאַרטאָג, כ׳דאַרף האַקן האָלץ און כ׳דאַרף נאָך גראָבן ערד,
ווייל אַ גוי בין איך, פעטרושאַ, אפילו מיט מיין ציטער,
איך וועל ווידער קומען, ווי לאַנג מיר וועט נאָך זיין באַשערט,
און דיר זאָגן ווער איך בין,
און דיך בעטן, גאָט געפינען
אין דיין רחמים, אַז זאָלסט זיין מיין שירעמער און היטער.

לייזער אייכענראַנד

## דער קרייז

לאָז מיך נישט אַזוי פיל מאָל שטאַרבן
ווי דער האַרבסט אין טויזנט פאַרבן.
האָסטו מיר געגעבן
אַזוי פיל טרויער
אין איין לעבן,
לאָז מיך נישט אַזוי פיל מאָל שטאַרבן
ווי דער האַרבסט אין טויזנט פאַרבן.

## דאָס געטאָ ברענט

(פראַגמענט)

זיינען אויפגעריסן אַלע טירן,
אויפגעפּראַלט אַלע פענצטער;
אין די בלויע פליגל פון ווינט
לאַכן רויטע געשפּענסטער:
— דאָס געטאָ ברענט, דאָס געטאָ ברענט!

איז מיין טויטער שוועסטערס שאָטן
קיל דורך מיינע אויגן
צו דער קאַלטער גרינער לבנה
מיט איר ברענענדיק קינד געפלויגן:
— דאָס געטאָ ברענט, דאָס געטאָ ברענט!

האָט מיין פאָטער פון אונטער דער ערד
זיין האַרץ אַרויסגעטראָגן,
ווי אַ בליץ געשליידערט עס פאַר גאָט
און צאָרנדיק אָנגעהויבן קלאָגן:
— דאָס געטאָ ברענט, דאָס געטאָ ברענט!

איז מיין ברודערס אייביקער טרויער
געקומען פינצטער צו פליען,
געשטעלט זיך שווייגנדיק פאַר גאָט
אויף זיינע סקעלעטן־קניען:
— דאָס געטאָ ברענט, דאָס געטאָ ברענט!

נאָר ער — ער איז קאַלט און שטום
ווי אייז און גראַניט
און וויקלט די ערד ווי אַ נאַס טוך
אַרום זיינע הייסע טריט:
— און דאָס געטאָ ברענט, און דאָס געטאָ ברענט! —

**דוד אײנהאָרן**

## דער טויטער שיפֿער

די טרערן זײַנען אַלע אױסגעװײנט געװאָרן
און אָפּגעשװענקט די שרעקן פֿון זכרון,
געבליבן בלױז איז טרױער גרױער, טיפֿער
װאָס װיגט װי כװאַליעס אום אַ טױטן שיפֿער.

די שיף, זי ליגט אין אָפּגרונט לאַנג פֿאַרזונקען
און טיף מיט איר ניט אײן געליבטער ברודער,
אָ, דאַן װען אַלע שטערן האָבן איר געװאונקען,
איז שױן דער טױט געשטאַנען בײַ איר רודער.

אומזיסט די נײַע פֿאָנען אױפֿגעהאָנגען,
אומזיסט די נײַע זעגל אױפֿגעצױגן,
אומזיסט דעם אַלטן גוטן פֿאָרט פֿאַרלאָזן,
אין פֿרעמדע װײַטן אױסגעקוקט די אױגן.

נאָר װאָס געװען איז דאָך שױן פֿאַרפֿאַלן —
די כװאַליעס גײען און די כװאַליעס קומען,
די אױפֿגעשױמטע קאַמען אין לבֿנה־שטראַלן,
זײ גלײַכן גלײַך װי גרױסע װײַסע בלומען.

אָ, װיג מיך טרױער, װיג, װי אין אַ װײכן אָרעם
דו ביסט דאָך שױן בײַ װיגל מײַנס געשטאַנען,
האָסט מיר מיט גרױען חן פֿאַרצירט מײַן יוגנט,
װען איך האָב דיר נאָך ניט גענוג פֿאַרשטאַנען.

דאַן האָסטו מיך געפירט אין פוסטע שולן
דעם לעצטן זיפץ צו הערן פון בעל-תפילה,
צו זען דעם לעצטן יידן דאָרט פאַרשווינדן
אין נעפל פון אַ תשרי-נאַכט אַ שטילע.

איך בין מיט דיר געגאַנגען ווי פאַרכישופט,
לעם מיר די שכינה איינגעהילט אין שוואַרצן
דורך פוסטע גאַסן וויסט פאַרלאָזטע הייזער,
מיט אַ געוויין אַ ביטערן אין האַרצן.

עס איז געווען אַ פאַרגעפיל אַ שטומער,
גלייך ווי ערשטער געלער בלאַט סוף זומער
וואָס גליטשט זיך אומבאַמערקט דורך גרינע צווייגן
און פילט דעם וואַלד אַן מיט געשפאַנטן שווייגן.

איצט זיינען ליידיק דאָרטן אַלע שולן, —
אַ היים פאַר פלעדערמייז און אַלטע סאָוועס,
בית-עלמנס איינזאַמע וואו קיינער וועט ניט
קומען מער אַהין אויף קבר-אבות.

אָ, וויג מיך, טרויער וויג אויף ווייכע כוואַליעס
און זאָלן זיי מיך אַט אַזוי פאַרטראָגן
צום אינדזל, וואו דער נביא ירמיהו
זיצט אייביק איינזאַם און גיסט אויס זיין קלאָגן.

דאָרט לאָז מיך, ליגן אויפן ברעג דעם וויסטן
צווישן פעלדזן נאַקעטע און הערן
דעם אייביקן געוויין פון גרויסן חורבן
אונטער אַ הימל גרוי און פוסט אָן שטערן.

ניו־יאָרק, 1944

## דייטשישער פרילינג...

אויסגעברענטע ערד אין פרילינג בלוי און מילד,
אויסגעברענטע ערד אין פלאַמען איינגעהילט,
ניט ציען וועט דורך דיר דער אַקער זיינע פּאַסן,
ניט בענטשן וועט דער פּויער דעם נייעם שניט פון יאָר —
אָנשטאָט די גאָלדענע קערנער אין באָדן דיינם דעם נאַסן
פאַרזינקען וועט אויף אייביק אַ גאַנצער יונגער דור.

ניט פאַלן וועט אויף דיר דער ראָזער טוי פון מאָרגן,
ניט אויפגיין וועט אויף דיר דער יונגער גרינער קאָרן, —
צווישן ווילדן גראָז און שטעכעדיקן דאָרן
מיליאָנען פרישע קברים באַשיידן און פאַרבאָרגן
דערציילן וועלן שטיל פון יונג־פאַרשניטענע יאָרן.

אָ, פלאַכעס לאַנד וואו ס'איז מיין וויג געשטאַנען,
פאַרוויגט אין רויש פון הויכע שלאַנקע טאַנען
וואו ס'איז דער ווייטער, בלייכער האָריזאָנט

אזוי פֿאַרבענקט געצויגן און געמאָנט!
ווייסרוסיש לאַנד, מיט דיינע אָרעמע כאַטעס,
מיט סטעזשקעס אויסגעטראָטענע מיט שטילע טריט,
די פויערן אין לאַפּטשעס און אין שמאַטעס,
וואָס האָבן אזוי טריי דיין אָרעם ערד געהיט!

די שטעטלעך דאָרט די יידישע, די קליינע,
מיט דעכער שטרויענע געבויגן צו דער ערד,
וואו ס'האָט אַן אַלטעס פֿאָלק מיט אויגן ריינע
אין הימל גאָט געזען און זיינע רייד געהערט,
און עסנדיק דעם ראָזעווען ברויט דעם שווארצן,
און טרינקענדיק דעם זויערן דייזשע-קוואַס,
געבענטשט דאָס לאַנד און שפּייז מיט דאַנקבאַרקייט אין הארצן,
אָן קנאה צו דער וועלט און אָן א טראָפּן האַס.
און וועבנדיק זיין אַלטן גרויסן חלום,
דריי מאָל אַ טאָג געבעטן גאָט פֿאַר שלום.

געניוג... געניוג... פֿאַרגאַנגענע זכרונות...
עס שטיקט אין האַלדז... פֿאַרטונקלט ווערט מיין בליק...
עס ציען זיך אומענדלעך די ארונות,
אויף אַלעביימער הענגען תליה-שטריק —
אַ דייטשישער פרילינג איז אַהין געקומען,
אַ דייטשישער פרילינג אויף מיין אָרעם לאַנד,
און האָט פֿאַרשניטן אַלע מיינע בלומען
און זיינע הימלען צוגעדעקט מיט שאַנד.

וואו זײַט איר, מײַנע ליבע און געטרײַע? —
צווישן זיבן וועלף די שטילע שאָף.
ווער פֿירט אײַך צו דער אײגענער לוויה?
איר, וואָס טראָגט פֿאַר אַלעמען די שטראָף.

אַ דײַטשישער פֿרילינג איז אויף מײַן לאַנד געקומען...
דער אײַזערנער גולם מיט די שטאָלענע הענט, —
דער דײַטשישער גולם אָן האַרץ און אָן געפֿילן,
ווי אַ מאַשין געיאָגט פֿון פֿרעמדן ווילן,
צעשטערט ער אַלץ, דערהרגעט און פֿאַרברענט.

אָ, גאָט, גיס אויס אויף אים דײַן פֿלאַמען-צאָרן!
הײב אויף אויף אים דײַן שווערן ריכטער-אָרעם!
זאָל זײַן פֿון אים, וואָס ס׳איז פֿון אונדז געוואָרן —
אַ לאַנד פֿון חורבות און נאָמענלאָזע קברים,
אַן אויסגעברענטעס לאַנד פֿון אײגענע הענט פֿאַרברענט,
פֿון אַלעמען געמיטן, פֿון קײנעם ניט דערקענט!

**מ. אָליצקי**

# פרילינג

כ׳בין שולדיק קעגן זיי, כ׳בין שולדיק
מיט יעדן אָטעם וואָס איך טו
פון הויכע הימלען אין אפריל
די בלויע רו.

כ׳בין שולדיק קעגן זיי, כ׳בין שולדיק
מיט יעדן שפּאַן אויף פּייכטן גראָז,
וואָס מאַכט פאַרגעסן אינעם טרויער
און לעשט פאַרדראָס.

כ׳בין שולדיק קעגן זיי, כ׳בין שולדיק
מיט יעדן שאָרך, וואָס איך פאַרנעם.
מיט יעדן שמייכל פון דער זון,
וואָס פרייט מיין ברעם.

זייט מוחל מיר, זייט מוחל מיר דערפאַר!
ס׳איז איבער מיר אַריבער די געפאַר.

איך בין דערזעלבער וואָס מיט יאָרן צריק:
זוך פרילינגדיקע הימלען מיטן בליק.
האָב ווידער ליב ביים אָוונטשויב צו שטיין.
און זאָגן אויפן זונפאַרגאַנג: ווי שיין.

פאַרגעסן גאָר, אַז אָט אַזוי געברענט
עס האָבן אויך די שמאָלע געטאָ־ווענט,
און יעדער הויז געוועזן איז אַ פלאַם
פון זון נאָך בלוטיקער און גרעסער מן־הסתם.

און וויפל לעבנס ס׳האָבן הענט פאַרשפאַרט —
מיין איך אַלץ, אַז פינגער זיינען צאַרט.
און וויפל ס׳האָבן הענט פאַרגאָסן בלוט —
מיין איך אַלץ, אַז פינגער זיינען גוט.

זייט מוחל מיר, זייט מוחל מיר דערפאַר!
ס׳איז איבער מיר אַריבער די געפאַר.

די זעלבע זון וואָס צריק מיט זיבן יאָר
איז וואַרעם און איז גוט צו מיינע האָר.
זיי זיינען ניט געוואָרן ווייס ווי שניי,
ווי ס׳דאַרפן ווערן האָר אין גרויסן וויי.

און איך אַליין בין אַלץ דער זעלבער נאָך:
שרייב טרויעריקע לידער, שפיל אין שאָך,
גיי אין קינאָ איין מאָל אין דער וואָך
מיט ווילדע אויגן אָנגעפילט מיט בראָך.

און וויפל ווייטיק כ׳זע און זע אַצינד —
עס ווערן מיינע אויגן אַלץ ניט בלינד.
און וויפל יאָמערן עס קלאַפן אין מיין שויב —
עס ווערן מיינע אויערן ניט טויב.

זייט מוחל מיר, זייט מוחל מיר דערפאַר!
ס׳איז איבער מיר אַריבער די געפאַר.

# אַ שוועסטער

ווי שטאַרק האָב איך געוואָלט אַ שוועסטער האָבן
פּונקט אַזאַ ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע:
מיט שטיל פאַרקעמטע האָר,
מיט ברוינע אויגן,
מיט אַ פלאָרע אויפן ברוינעם האַלדז,
וואָס פאַרשלייפט אַ ווייסע פולע בלוזקע.
ווי שטאַרק האָב איך געוואָלט זי זאָל אַרויף אויף מיר
אין דער בהלה פון אַן ערב שבת:
נאָר וואָס האָב איך די פאָדלאָגע געוואַשן,
וויש אָפּ די פיס!
איך זאָל די אויגן אירע זעען שווימען איבער מיר
שלעכט און ברוין, ביז זייער לעצטן טראָפן כעס.
די שטיל פאַרקעמטע האָר זאָל איך דערזען
אויפגערעגט.
די ווייסע פולע בלוזקע ווי זי ציטערט.
ווי שטאַרק האָב איך געוואָלט אַ שוועסטער האָבן,
און אַ נאָמען זאָל זי האָבן: פרומע,
ווי געהאַט האָט די וואָס אויף דער פאָטאָגראַפיע.

**ישראל אַשענדאָרף**

## מלאכים דריי

(פראַגמענט)

װען פרײטיק פלעגט מײן ברודער
אַהײמגײן פון דער שול,
דאָס האַרץ זײַנס מיט מנוחה,
און מיט נגינה פול.
און ס'האָט אויף אים געװאַרט אַ טיש
מיט חלה, פלײש און פיש —
באַגלײט אים האָבן טרײַ
מלאכים דרײַ.

נאָר װען מען האָט מײַן ברודער
אין פראָסט און װינט
פון װינטער־טאָג,
געהײסן די מלבושים אויסטאָן,
און מיט געשרײען און מיט הינט
דערנאָך אים
צום גאַז געיאָגט —
װאו זײַנט איר דאָן געװען,
איר דרײַ מלאכים?

# אַז דאָס קינד וועט פרעגן

אָ, פרוי! מיר וועלן נאָך אַ קינד פאַרמאָגן,
און אונדזער קינד וועט אונדז אַמאָל אויך זאָגן
די ערשטע ליבע ווערטער: מאַ און פּאַ.

נאָר קומען קען דערנאָך אַ צייט אַזאַ:
דאָס קינד וועט זען אַ ייִדעשי אַ ווייסן,
וואָס נעמט דעם חבר זיינעם אויף די קניען
און זינגט אים לידער און דערציילט אים מעשׂות
פון כּישופמאַכערס, קאַרליקעס, נסיעות.
וועט ער זיך חידושן, אונדז פרעגן ביידע
מיט טרויער: און וואו ערגעץ איז מיין זיידע?
וואָס פאַר אַן ענטפער געבן אויף זיין טענה?
דעם ענטפער וועלן מיר אין האַלדז דערוואָרגן.
(ווייל ס׳איז מיין טאַטע לאַנג שוין טויט, און דיינער
געוואָרן איז פון דייטשע הענט דערהרגעט!)

און וועט ער גיין צום שכנס קינד זיך שפּילן,
וועט ער דאָרט זען אַ באָבעשי אין ברילן.
די באָבעשי שטריקט זאָקן צי אַ סוועטער,
דעם קינד זאָל וואַרעם זיין אין קאַלטן וועטער.
וועט אונדזער קינד שוין ווידער קומען פרעגן:
און וואו איז מיין באָבעשי?

צי וועלן מיר דען קענען אָדער מעגן
דערציילן אים פון שוידער און פון פיינען?
(און אַז מיין מאַמע און אַז דיינע האָבן
די דייטשע רוצחים לעבעדיק באַגראָבן!)

און ס'וועט דער חבר וואו דאָס קינד וועט קומען,
אויך האָבן פעטערס, אויכעט האָבן מומעס.
צו זיין געבוירנטאָג זיי קומען אַלע
און יעדער ברענגט אים עפּעס אַ מתּנה:
— אַ דאָמינאָ, אַ ראָווער, צי אַ באַלעם.
וועט קומען אונדזער קינד אַהיים און מאָנען:
— און וואו איז מיין פעטער? און וואו איז מיין מומע?
מיר וועלן שטיין פאַרשטאַרטע, בלייכע, שטומע.
(ווייל מיינע ברידער־שוועסטער און אויך דיינע
עס האָבן דייטשישע תּלינים פאַרפייניקט!)

און אויב ביים חבר פונעם קינד וועט שפּעטער
די חתונה זיין — ווי ס'איז ביי לייטן:
עס קומען פון דער נאָענט און פון וויטנס
צו אים צופאָרן זיינע מומעס, פעטערס.
ער איז נישט בלויז דער זון פון טאַטע־מאַמע —
ער ווערט דער זון פון אַלעמען צוזאַמען.

נאָר אונדזער זון צו חופּה וועט באַגלייטן,
אַ חוץ אונדז ביידע, מער נישט קיינער, קיינער.
און אַלע פידלען, אַלע באַסן, פלייטן —
זיי וועלן יאָמערן און קרעכצן, וויינען?

**נחום באָמזע**

## און אַז איך וועל קומען

און אַז איך וועל קומען צו מיין היים אינעם טאָל,
אין אַ גרויען שינעל מיט אַ ביקס פון שטאָל,
ווער וועט מיך דערקענען?

אַז מיין טאַטע איז טויט און מיין מאַמע — טויט,
און מיין שוועסטער איז טויט און מיין ברודער — טויט,
און די הייזער ברענען.

און אַז איך וועל ווען געפינען דאָס אָרט
פון זייערע קברים, פון זייער מאָרד,
ווער וועט עס ווייזן?

אַז מיין שכן איז טויט און מיין שכנה — טויט,
און מיין קרוב איז טויט, און מיין קרובה — טויט,
און חרוב די הייזער.

וועל איך דאַן נעמען אויפן אַקסל די ביקס
און ביי יעדן שטיין, ביי יעדער געוויקס
אַן ענטפער מאָנען.

און דערנאָך אויף די חורבות פון הויפנס אַש
וועל איך צעבלאָזן נאָך טיפער מיין האַס
צו אונדזערע שונאים!

## אין דער איינזאַמקייט

אין דער איינזאַמקייט אויף מיין געלעגער
האָב איך מיר אַ סוד פאַרטרויט:
איך בין אַזויפיל מאָל געשטאָרבן, מעג ער
קומען נאָכאַמאָל, דער טויט.

איך וועל וואַרטן און מיט די אַקסלען
צוקן פאַרן שניט פון שווערד.
און דערנאָך צוריק אויפוואַקסן
מיט די גראָזן אויף דער ערד.

## איך געדענק קוים

איך געדענק דיך קוים, קוים, ווי דורך דער וואָר,
וואָס איז אין מיין לעבן לאַנג שוין צערונען,
דער ווינט האָט צעבלאָזן דיינע שוואַרצע האָר,
ווען מיר האָבן שפּאַצירט דורך גערטנער גרינע.

דו האָסט געפּלאַפּלט און געלאַכט
און געזאָגט: אַלץ, אַלץ איז דאָך אַ ליגן.
דערנאָך ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט
זיינען מיר אויפן בערגל אַרויפגעשטיגן

און דו האָסט געוויזן מיט דיין האַנט צום טאָל
(איבער אונדז האָט געגרוילט דער מולד):
— אָט דאָרט האָבן זיי, די שכנים, אַמאָל, אַמאָל,
מיך געמאָרדעט און מיין קינד געקוילעט.

זי האָט געשווידערט: ס'איז באמת וואונדער,
ווי איך גיי מיט דיר אַצינד אויף דער ערד.
ווייל ס'האָט דער מערדער מיט זיין שווערד
צעטיילט מיין גוף באַזונדער און מיין קאָפּ באַזונדער.

און איצט איז ווינטער. אַזאַ וואונדערלעכער שניי,
און מאָדנע, וואָס איך אַ טויטע גיי
אַרום שפּאַצירן להכעיס מיינע מערדער.

איך געדענק דיך קוים, קוים ווי דורך דער וואָר,
ס'איז געווען פרילינג אַ סודותדיק גרינער.
אַוועק אַ צייט, איך געדענק נישט וויפל יאָר,
און איצט מיר האָבן ווידער זיך געפינען.

# אין פעלד

עלנט און עלנטער זיינען מיר,
מאַמע.

מיר קומען אין פעלד
און ס'וויינט אונדזער טראַט.

אַ זאַנג נאָך אַ זאַנג,
אַ שניט נאָך אַ שניט.
פון גאַרבן הויבט אויף זיך
אַן אומעטיק ליד,
וואָס ציטערט מיט קלאַנגען
און שימערט מיט פאַרבן
פון אויגן און הענט,
און פלוצעם אויף גאַרבן —
אַ שייטער, וואָס ברענט.

קניט יעדער פון אונדז ביי דעם שייטער,
און הערט פון דעם פלאַם אַ געבאָט,
און גאָט שטייט אין וואָלקן — אַ ווייטער,
און הערט, ווי מיר הערן זיין סוד.

# אין פענצטער

די פריינד, די פֿאַרלאָרענע, שפּאַנען
אויף אָוונטיק־בלוילעכע בערג,
איך זע זיי אַפֿילו פֿון דאַנען
און רוף זיי פֿון ווייטן אַהער.

די פֿריינט, די ניט־דאָאיקע, ווייסן
אַוואו ס'איז מיין פענצטער אָט־דאָ,
און איינציקווייז טוען זיי קומען
אין בלויער פֿאַרנאַכטיקער שעה.

## חשבון אויפֿן אַש

(פֿראַגמענט)

פֿינגער איינגעדאַרט פֿון דאָרשט און הונגער,
שלייפֿן קלאַפּן אויס די לעצטע ווײַלע.
אין פֿאַררוקטע שטיבלעך כּיתות אַלטע, יונגע.
סקריפּעט אַ געזאַנג פֿון אויסגעדאַרטע מײַלער:
— אוי, אמר אבײ!
ברייען אַ פּאָר אויגן אויף מיט גרינעם פֿײַער,
גאָרגלט אויס אַ קול: — זו תורה וזו שכרה?
ענטפֿערט מען אים: — ווילסטו אַז די וועלט זאָל ווערן חרוב?
שרײַט ער: — ס'איז די וועלט שוין סיוּוי חרוב,
סיוּוי חרוב — אוי, אמר אבײ!...

אין חדרים קינדערלעך — ביינערדיקע נאַקנס —
ציילן פּרעהן אויס די עשר מכּות
ביז עס כאַפּן זיי די כאַפּער אין די גאַסן.
און בײַ לערערקעס און לערער אין די קלאַסן
גרייטן קינדער צו אַ שפּיל מיט לידער
וועגן חנהן מיט די זיבן זין
און די שלאַכטן פֿון די חשמונאים־ברידער,
ביז דער לעצטער פֿון די זיבן זין
און דער לעצטער פֿון די ברידער
פֿאָרן אָפּ מיט וועגענער און באַנען
צו די קאַלכאויוונס און גאַז־קראַנען.

וואָס איז איינס?
איינס איז תורה,
איינס איז קנוּפּ פון דורות,
איינס איז חיי עולם
וואָס ווי זשאַר אונטער פאַרלאָשענע קוילן
גליט אונטערן אַנגסט פון טויט.

און ווען לעצטע הרודעס
פון אַ פאָלק אַן אויסגעראָטנס
ווערן באַלד אויף אַש צעשאָטן,
קומען אויף צוריק יהודהס —
נישט צו ראַטעווען און שיצן,
נאָר אין דורות איינצוקריצן
אַ געדעכעניש פון שטאַרבער
מיט כלי־זין אין די הענט
צווישן ברענענדיקע ווענט,
אין אַ חורבה אַ צעריסענער
פון אַ שונא אַ צעבלוטיקטן, צעוואוטיקטן, געשמיסענעם.
פאַרן לעצטן יום־הדין
שטעלן אַלע זיך ווי זין —
אַלע ווייטע, אַלע נאָענטע,
די באַתהילימטע, באַפּאָנטע
די מיט רויט און די מיט ווייס און בלאָ —
אַלע זיינען דאָ,
אין די דורות איינצוקאַרבן
אַ געדעכעניש פון שטאַרבער
מיט כלי־זין אין די הענט
צווישן ברענענדיקע ווענט.

וואָס איז אײנס?
אײנס איז צעשטראַל פֿון גבֿורה
וואָס צום קדמונדיקן פֿורעם
פֿירט צוריק דעם מענטש.
אײנס איז הײליקער צוזאַמען
וואָס אין פֿינצטערניש און פֿלאַמען
צינדט אָן אײביקײטן פֿאַרן מענטש.

אינעם אַש דאָ צווישן שטײן און ציגל
אײנסן, אײנסן ווימלען
אײנסן, וואָס ווי ווײַסע פֿליגל
פֿלאַטערן צו הימלען.
וואָס אָבער פֿון אַלע איז דער אײנס דער אײנער,
שורש און יסוד?
ער איז אויך דאָ צווישן אַש און שטײנער.

**ב. י. ביאַלאָסטאָצקי**

# שארית הפליטה

(פראַגמענט פון : „די לעגענדע ווילנע").

בריד[ער],
און דאָס איז דער סוף פון מיינע לידער —
איך און איר,
אַנטלאָפענע דורך דער לעצטער טיר,
אַנטרונענע פון טויט,
נאָר ניט פון די אויגן פון מלאך המוות;
מיר אַלע — די שארית הפליטה,
נאַקעטע, אָן קברים און אָן אבות, —
צי ביי וואַלדיקע היילן, צי ביי אָפענע ימען,
לאָמיר באַזונדער און צוזאַמען
זיך זעצן אויף אַ פּיצל ערד,
וואָס איז אַליין נאָך ניט צעריסן און צעשטערט,
(אויב אַזוינס איז נאָך פאַראַנען),
און לאָמיר שבעהדיק אַליין,
אַליין, אַליין באַוויינען אונדזער געוויין,
באַוויינען אונדזער אומקום,
די קדושים,
דעם חורבן בית שלישי,
פון גזירת — תש"א, תש"ב, תש"ג.
טרער פון דורות, איכה-קלאַג :
— כ'בין פאַרוואָרפן געוואָרן אין פינצטערניש,
און ניט אין טאָג.

ווי אַזוי, און ווי אַזוי,
איז מיין לעבן געוואָרן — אוי און אוי?
ד׳ נתן — גאָט האָט אונדז חורבן אויף חורבן געגעבן,
וד׳ לקח — גאָט האָט צוגענומען, צוגענומען, צוגענומען —
צוגענומען אונדזער אויסגעשריי, אונדזער דורותדיקן רוף,
צוגענומען אונדזער נשמה און צוגענומען אונדזער גוף.
זאָל פאַרדאַרט ווערן מיין רעכטע האַנט,
און די צונג זאָל צוגעקלעפּט ווערן צום גומען,
אויב איך וועל פאַרלעשן, אויב איך וועל פאַרגעסן,
די טרער פון מיין מאַמען,
דעם ניגון פון שטאַמען.

## קום, מקונן!

קומט צו מיר ווידער און ווידער, —
ניט קיין טרייסט, נאָר וויי.
צי אין בלי פון בוים, צי אין בליאַסק פון שניי —
— וואו זיינען זיי?
וואו נעם איך אַ וואָרט אויף צו שטומען?
וואו נעם איך אַן אות אויף צו שרייען?
קום, מקונן פון אַמאָליקן ירושלים,
פיר מיך דורך דער דורותדיקער פיין,
צו די שפּורן פון מיין זיין,
איך — צו זיך אַליין בין פרעמד געוואָרן,

איך דערקען ניט מער מיין לעבן,
איך דערקען ניט מיינע יאָרן.
קום, מקונן, אַט, און כ׳וועל ניט ווערן.
נעם אַריין מיין לעצטע טרער,
אויב איך בין זוכה,
אין דעם אַלטן כוס פון טרערן!

## אָ, וויפל מאָל...

אָ, וויפל מאָל האָב איך אין נאַכט פון טרערן
געזוכט אַ טרייסט אין דורותדיקער שריפט,
עס זאָל מיין צער ווי אַלעמאָל אַ פעסטונג ווערן
כאָטש בלוט האָט דורך דער פעסטונג זיך געטריפט.
אָ, וויפל מאָל! נאָר שווער איז מיר אַצינדער,
ווי ירמיהו, צו זוכן טרייסט אין בלוט פון קינדער;
אין לעצטער נאַכט, צום לעצטן חצות,
צו זוכן שוין ביי אַ מילב, וואָס יאָגט פון אות צו אות...
די נאַכט אַליין זיך ברעכט אויף העלפט, —
ביי וועמען זאָל איך בעטן הילף,
צו וועמען זאָל איך שרייען: — העלפט?

# די געלע לאַטע

דורך רציחה, גנבה, גזלה — אין שווינדל פון פאַרראַטן
געשען דער גרויל איז אומדערזען און אומדערהערט:
מען האָט די זון פאַרוואַנדלט אין אַ געלע לאַטע
פאַר פיל מיליאָנען מענטשן אויף דער טרויעריקער ערד.

די געלע לאַטע האָט געפלאַמט פון הינטן און פון פאָרנט,
דאָס האַרץ און מאַרך געברענט און אויסגעברענט,
די זון — די געלע לאַטע האָט געגרימט, געצאָרנט,
די זון האָט יעדן אונדזער טאָג מיט ליכט געשענדט.

ווי האָט זי צוקוקן געקאָנט די אַלע גרוילן?
ווי האָט זי צוהערן געקאָנט דעם בלוט-געשריי?
ווי האָט די זון געקאָנט ביי זיך עס פועלן —
פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קוואַל פון צער און וויי?!

ווי האָט זי עס, די זון, די גאָב פון אַלע גאָבן
פאַרוואַנדלט אין אַ געלע לאַטע אַל׳איר גאָלדן טראַכט?
ווי האָט זי זיך נישט לעבעדיקערהייט באַגראָבן
פאַר חרפּה גרויסער אין דער חשכות פון דער נאַכט?!

נ. י. גאָטליב

## ביינאַכט אין חלום קומט צו מיר מיין מאַמע

(פראַגמענט)

ביינאַכט אין חלום קומט צו מיר מיין מאַמע.
זי קומט צו מיר פון ליטע-לאַנד, פון דאָרט,
וואו אויפגעגאַנגען איז איר גוף אין פלאַמען —
אין היימשטאָט קאָוונע, אויפן נײַנטן פאָרט.

זי שלייכט אריין זיך אין דער שעה דער שפּעטער
צו מיר אין שטיבל — פינצטער און פארקלאַפּט;
זי זעצט זיך צו אַ בלאַסע אויף מיין בעטל
און מיט אַ קול, מיט קבר דורכגעזאַפּט,
זי נעמט דערציילן פון דער היים דער גאָרער,
פון יעדן צווייג פון מיין משפּחה-שטאַם — — —

איך ליג און הער און פול מיט ווײ באַטראַכט איך
איר בלייכן פּנים און איר שטאַרן בליק;
און כ'זע זי איצט אין פינצטער-שפּעטער נאַכט-שעה,
ווי אויסגעזען זי האָט מיט יאָרן קריק. — — —

איך ליג און הער אַלץ און איך טו אַלץ קוקן
צום פּנים אירן — גליווערדיק און בלאַס;
ביז ס'נעמט אַ פייער ראַשיק זי פארצוקן
און ס'בלייבט פון איר — אַ בערגעלע מיט אַש — — — —
איך וועק זיך אויפעט מיט אַ שוויים באַגאָסן,
איך זעץ זיך אויף אַרומגעכאַפּט מיט שרעק;

איך בליק צום אָרט, וואו זי ז'נאָרוואָס געזעסן,
נאָר פּוסט איז עס, — זי איז אַוועק. —

— — — — — — — — — — — — —

איך הייב זיך אויף, צי אָן אויף זיך די קליידער
און — נעם מיין פליכט מיין טאָגעדיקע טאָן;
נאָר פּחדים־חלום גייט מיר נאָך כסדר
און שלעפּט צוריק מיך אין זיין טיפן תהום.

**משה דוד גיסער**

## ירמיהו

צווישן די ווארשעווער חורבות, וואָס שטאַרצן צום הימל מיט שווידער,
זיצט ווידער דער איינזאַמער נביא און קלאָגט אויף דעם חורבן ישראל.

זיין צונג איז פאַרטריקנט צום גומען, זיין פּנים פון גרויל איז צעשניטן,
און זוכט מיט צעהונגערטע אויגן אַן איינציקן ייד כאָטש צו טרייסטן.

דער הימל הענגט בלוי, אַ צעשפּרייטער, און ער — ווי אַ שאָטן אַ שטומער
מאָנט טראַציק ביי גאָט: אל נקמות! אָ, ענטפער אויף צער און אויף חורבן.

ווי איז עס דאָס וואָרט, וואָס זאָל טרייסטן? נישטאָ אַזאַ וואָרט אויף די ליפּן...
אָ, חורבות, איר שטיינערנע עדות, קומט טרייסטן אַן איינזאַמען נביא.

ברענגט אַש פון פאַרשרפעטע יידן, איר ווינטעלעך, זיין קאָפּ צו באַשיטן,
קומט, וואָלקנס, מיט לאַגלען פון טרערן און שלוכצט אויף די שטיינער זיין טרויער.

די נאַכט אין איר פינצטערן אומגליק וויל שטום זיך אין שאָטנס פאַרהילן,
נאָר אים וועט די שטילקייט נישט טרייסטן, דער טאָג וועט אים ווידער געבוירן.

ביז ס'וועט זיך אָפּיר פון די חורבות באַווייזן אַ ייד דורך אַ וואונדער.
דאַן וועט ער פון שטויב זיך באַפרייען און טרייסטנדיק גיין אים אנטקעגן.

און זינגען מיט גוטסקייט און ציטער אויף שטויב פון דעם חורבן תהו
דאָס ליד פון ישראלס דערלייזונג, דאָס ליד פון טרוים און בטחון:
נחמו, נחמו, עמי!...

**יעקב גלאַטשטיין**

## אַ גוטע נאַכט, וועלט

אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט,
גרויסע, שטינקנדיקע וועלט.
נישט דו, נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער.
מיט דעם לאַנגן כאַלאַט,
מיט דער פייערדיקער געלער לאַט,
מיט דעם שטאָלצן טראַט,
אויף מיין אייגענעם געבאָט —
גיי איך צוריק אין געטאָ.
וויש אָפּ, צעטרעט אַלע געשמדטע שפּורן.
כ׳וואַלגער זיך אין דיין מיסט,
לויב, לויב, לויב,
צעהויקערט יידיש לעבן.
חרם, וועלט, אויף דיינע טריפהנע קולטורן.
כאָטש אַלץ איז פאַרוויסט,
שטויב איך זיך אין דיין שטויב,
טרויעריק יידיש לעבן.

חזירשער דאַטש, פיינטלעכער לאַך,
עמלק גנב, לאַנד פון זויפן און פרעסן.
שלאַברע דעמאָקראַטיע, מיט דיינע קאַלטע
סימפּאַטיע-קאָמפּרעסן.
אַ גוטע נאַכט, עלעקטריש צעחוצפּהטע וועלט.

צוריק צו מיין קעראָסין, חלבנעם שאָטן,
אייביקן אָקטאָבער, דריבנע שטערן,
צו מיינע קרומע גאַסן, הויקערדיקן לאַמטערן,
מיינע שמות, מיין סוואַרבע,
מיינע גמרות, צו די האַרבע
סוגיות, צום ליכטיקן עברי־טייטש,
צום דין, צום טיפֿן מיין, צום חוב, צום גערעכט,
וועלט, איך שפּאַן מיט פֿרייד צום שטילן געטאָ־לעכט.

אַ גוטע נאַכט. כ׳גיב דיר, וועלט, צעשטייער
אַלע מיינע באַפֿרייער.
נעם צו די יעזוסמאַרקסעס, ווערג זיך מיט זייער מוט.
קראַפּיר איבער אַ טראָפּן פֿון אונדזער געטויפֿט בלוט.
און איך האָב האָפֿן אַז כאָטש ער זאַמט זיך,
גייט אויף טאָג־איין־טאָג־אויס מיין וואַרטן.
ס׳וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונדזער בוים דעם פּאַרקוואַרטן.
איך דאַרף קיין טרייסט ניט.
איך גיי צוריק צו דלד אמות.
פֿון וואַגנערס געץ־מוזיק, צו ניגון, ברומען.
כ׳קוש דיך, פֿאַרקאָלטנט יידיש לעבן,
ס׳וויינט אין מיר די פֿרייד פֿון קומען.

אַפּריל 1938

# אָן יידן

אָן יידן וועט נישט זיין קיין יידישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פון דער וועלט,
פאַרלעשט זיך דאָס ליכט פון דיין אָרעם געצעלט.
זינט אברהם האָט דיך אין וואָלקן דערקענט,
האָסטו אויף אַלע יידישע פּנימער געברענט,
פון אַלע יידישע אויגן געשטראַלט,
און מיר האָבן דיך געפורעמט אין אונדזער געשטאַלט.
אין יעדער לאַנד, אין יעדער שטאָט
איז מיט אונדז אויך געווען אַ גר
דער יידישער גאָט.
יעדער צעשמעטערטער יידישער קאָפּ
איז אַ פאַרשעמטער, צעבראָכענער, געטלעכער טאָפּ,
ווייל מיר זיינען געווען דיין ליכטיק געפעס,
דער וואָרצייכן פון דיין ממשותדיקן נס.
איצט ציילן זיך אין די מיליאָנען
אונדזערע טויטע קעפּ.
ס'לעשן זיך אָרום דיר די שטערן.
דאָס געדעכעניש פון דיר ווערט פאַרטונקלט,
דיין מלכות וועט באַלד אויפהערן.
דער יידישער פאַרזיי און פאַרפלאַנץ
איז פאַרברענט.
אויף טויטע גראָזן וויינען די טויען.
דער יידישער חלום און יידישע וואָר געשענדט —
זיי שטאַרבן אינאיינעם,

ס׳שלאָפֿן עדות גאַנצע,
עופּהלער, פּרויען,
יונגעלייט און זקנים.
אַפילו דיינע זיילן, די פעלדזן,
די שטאַמיקע ל״ו,
שלאָפן אַ טויטן, אַן אייביקן שלאָף.

ווער וועט דיך חלומען?
ווער געדענקען?
ווער וועט דיך לייקענען,
ווער וועט דיך בענקען?
ווער וועט צו דיר, אויף אַ פאַרבענקטער בריק,
אַוועק פון דיר, כדי קומען צוריק?

די נאַכט איז אייביק פאַר אַ טויט פאָלק.
הימל און ערד אָפּגעווישט.
ס׳לעשט זיך דאָס ליכט אין דיין אָרעם געצעלט.
ס׳פלעמלט די לעצטע יידישע שעה.
יידישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ.

# דער זיידע ענזל וועקט זיך

עצבות מיינע, פּרעס מיר נישט אויף ס׳טויטע האַרץ.
גאַרסטע שטילקייט, וואָס וועקסטו מיך פון שלאָף?
שוין ווידער עפּעס אַ ויהי, שוין ווידער אַ שטראָף?
וואָס פאַרגינט מען מיר ניט
דעם באַשערטן חושך מיינעם,
די לאַמטערנע מיינע צו דער אייביקייט?
זיידע, ענזל, גרויסער שותק,
ערשטער נאָמען פון מיין שטאַם,
הייליקער סוד, פון די זעקס און דרייסיק זיילן.
דו וואָס האָסט זיך מפרנס געווען
פון שמשות אין מהר״ם,
זע די פינצטערע פרייד דיינע.
ס׳שפּאַנט צו דיר מיט מזל ברכה
דיין גאַנצע טויטע משפּחה.

זאַמל זי איין. דאָס איז דיינס.
דאָס איז דיין אַרבונג,
דיין גאַנצע ערדישקייט,
דער צונויפגערעכנטער סך־הכל
פון דיין לעבן און דיין שטאַרבונג,
לאָמיר טאַנצן — דו אינמיטן,
דעם כרת־טאַנץ פון אַ יידישער משפּחה,
אויסגעוואָרצלט און פאַרשניטן.
כרת־כרת, כשר־טאַנץ,
אַלע טויט, אַלע דאַ, אַלע גאַנץ.

זיידע ענזל, האָסטו איטלעכן דערקענט?
האָסטו יעדער טויט באַנומען?
ווי קאָן איצטער משיח קומען?
נישט כולו זכאי, נישט כולו חייב,
נאָר כולו פאַרברענט.

אַלע צווייגלעך פון דיין חלום
גיבן דעם טויטן זיידן שלום.
דער משפחה־קרייז פאַרענדיקט.
כרת־כרת, כשר־טאַנץ.
פאַרשניטן, אויסגעפליקט דאָס לעבן.
דער עיגול פון טויט איז גאַנץ.

## יעקב גלאַנץ

# אויף קברים־היגלען פון מיין פאָלק

(פראַגמענט)

אויף קברים־היגלען פון מיין פאָלק,
פעלקער פיטערן די פי די פעטע.
דעם וואונדערלעכן גרינעם טאָל
באַזינגען זייערע פאָעטן,
מיט פריידיקייט אין קול,
פאַסטעכער־געזאַנגען,
דאָרט וואו ס'איז די זון
פון פאָלק מיינעם פארגאַנגען.

# ווער וועט ברענגען דעם דערלייזער ?

פון יהודה דיין לייב
איז אין שטויב,
און פון מגושמדיקע פיס צעטראָטן
דיינע געבאָטן
די צען.
און דו האָסט אַלץ געזען —
און געשוויגן.

דער פרוכת אַראָפּגעריסן
פון ארון קודש,
די הירשן געקוילעטע שלאָפן
אויף די שטיגן,
אין ערגעץ נישט דערלאָפן;
און ס׳ליגן
די קרוינען פון די תורות
אין מיסט.
(עס מאַכט פון זיי צלמים אַ קריסט
אויף די בריסט
פון די טמאים אויפצוהענגען);

און ס׳גייען מיט יללות
גאַנצע מענגען
יידן
אויפן וועג פון גלות —
צום עשאַפאַט — — —

און דו —
דו פאַרהאַלטסט ניט זייער טראָט
און ביסט די שטראָף ניט גוזר?

טאָ ווער וועט ברענגען דעם דערלייזער?

(מעקסיקאָ, 1944)

**חיים גראַדע**

# מעבל

נאָך לאַנגע נעכט אָן רו און וואַקלען ווי אַ שיכור,
ווען איך פאַרזינק אין שלאָף — דערהער איך אַ געוואַלד,
דאָס גוואַלדעווען ביי מיר אין שטוב די מעבל־שטיקער,
ווי ס'וואָלט אין דעם געהילץ געבושעוועט אַ וואַלד.

— מיר, חורבות, האָבן זיך פאַרשטעלט אין שטוביק מעבל,
האָט ער פאַרגעסן די פאַרזונקענע אין ליים;
די גריבער די פאַרגאָסענע מיט פעך און שוועבל,
און אַז ער האָט געשוואָרן: בלייבן אָן אַ היים.

— מיר חורבות האָבן זיך פאַרשטעלט אין ביכער־שאַנקען,
און אים, דעם פליט, אין אַ היים אַריינגענאַרט.
איצט שלאָפט ער זיס און האַלט די נע־ונד געדאַנקען
אין הינטער־שטיבל פון זיין מח איינגעשפּאַרט.

— מיר, חורבות, האָבן זיך פאַרשטעלט אין ווייכע שטולן,
אין ווענט און בילדער וואָס ער קוקט מיט ליבשאַפט אָן.
האָט ער אויף זיך אַליין, ווי אויף אַ מענטש אַ דולן,
אָן ענגן משוגעים־קאַפּטן אָנגעטאָן.

— ער האָט זיך איינגעגראָבן אין אַ פרעמדן באָדן,
און נייט זיך קליידער גלייך ווי אין די אַלטע טעג.
וואָלט ער כאָטש ווייסצייג צוגעגרייט אין די שופלאָדן,
זיך צוגעגרייט מלבושים פאַר דעם ווייטן וועג.

— איז היט ער אָפּ כתב־ידן און פּאַפּירן ווייסע;
און זיינע פינגער קראַמפּן, שרייבן אויך פון שלאָף
אַ ליד אין גראַמען, צי אַ ניט־געגראַמטע מעשה,
וואָס ענדיקט זיך מיט אַ לוויה אויפן סוף.

— ער האָט פאַרגעסן זיינע שבועות ביי די קברים,
און וויל אונדז, זיינע מעבל, איינדעקן מיט פּליוש,
און לעבן אין די ספרים מעשה ביכער־וואָרעם,
און שטאַרבן אויף זיין בעט בנשיקה, מיט אַ קוש.

— איז לאָמיר אויסטאָן זיך פון אונדזערע פּרצופים,
און ווייזן אים אַז מיר — מיר זיינען חורבות נאַר.
אויך ער איז בלויז אַ גילגול פון פאַרברענטע גופים,
אַ מת וואָס וואַקסט אים נאָך די נעגל און די האָר.

דער שטורעם געוואַלדעוועט אין אַלע טויטע זאַכן,
דער הילצערנער געלעכטער דונערט, קנאַלט און בליצט,
ביז ס׳זינקט אַריין צוריק דאָס אויפגעברויזטע לאַכן
אין מעבל, וואָס בלייבט שטיין פּאַלירט און פיין געשניצט.

די ביכער־שאַנקען אָנגעשטאָפּט מיט חכמה רוען,
און זיי פאַרבייטן מיר מיין טויטע וועלט, אַזוי
ווי עס פאַרבייט אַ קאַלטע שטיינערנע סטאַטוע
דעם הייסן אָטעם פון אַ לעבעדיקער פרוי.

## קץ הימים

זינט איך האָב שיך געזען אין לאַגער פון מיידאַנעק,
נאָר ניט די פיס און ניט די שפורן פון די טריט;
בלויז שיך און שיך און אַש און טרוקענעם רומיאַנעק,
וואָס האָט די פוס-טריט צו פאַרדעקן אויפגעבליט —
זינט דעמאָלט גיי איך שטענדיק אום דעם קאָפּ געבויגן,
און אומעטום איז מיר די ערד מיידאַנעק-אַש.
איך וואַרט, אַ בערגל ערד זאָל עפענען צוויי אויגן
און נעמען ריידן מיטן קול פון אַ בר-נש:
געוואָרן איז פון מיין געביין אַן ערד-געלעגער,
איז ניט געקומען נאָך די בשורה אויפצושטיין?
— נאָך ניט געקומען! וועל איך ענטפערן דעם פרעגער,
און טיף דעם קאָפּ געבויגן וועל איך ווייטער גיין.

כ'וועל גיין און טרעפן אויף אַ שטיין אַ נפטר זיצן,
מיט בינטלעך פון גן-עדן-גראָז דעם קאָפּ באַדעקט.
ער איז אַרוים אויף זיין מצבה-שטיין דערקריצן
דעם נאָמען זיינעם, וואָס די צייט האָט אָפּגעמעקט.
אויך ער וועט מיך אַ פרעג טאָן וועגן קץ הימים,
וועל איך אים ענטפערן, אַז וואויל איז דעם וואָס האָפט.
פאַרוואָס קומט אַ מצבה-שטיין דיר, צדיק-תמים,
ווען אָן אַ שטיין און נאָמען גאַנץ מיידאַנעק שלאָפט?
טו אָן אַ קאָפּ-צירונג פון ביטערן רומיאַנעק,
און זאָל ער ווי גן-עדן-גראָז דיר שמעקן זיס.
טו אָן צעפוילטע שיך פון לאַגער אין מיידאַנעק,
און גיי אין הימל זוכן די פאַרברענטע פיס.

# געהיימע געסט

איך בין שוין צוגעוואוינט צו זיצן שטום, געבויגן,
און הינטער מיינע פּלייצעס רוישט אַ מחנה געסט.
איך דריי ניט אוים דאָס פּנים, הייב ניט אויף די אויגן,
און זאָג צו זיי ניט: זיצט ביי מיר און טרינקט און עסט.

איך ווייס, די אורחים מיינע דאַרפֿן מער ניט עסן,
און זעצן זיי זיך אויף איין בענקל זאַלבעצענט —
בלייבט פּוסט דאָס אָרט, ווי קיינער וואָלט דאָרט ניט געזעסן,
און בלויז אַ ליכט-פלעק ציטערט אויפֿן אָרט און בלענדט.

די אורחים מיינע זיינען אָן געביין, אָן גופֿן,
און פֿאַלן אין מיין צימער ווי אַ שטילער שניי.
איך האָב זיי לאַנג געבעטן, האָב זיי שטיל גערופֿן,
און מיטן אָנקום פֿון דעם אָוונט קומען זיי.

אָ, מיינע געסט, אָן לייב, אָן אויגן, אָן געשטאַלטן,
פֿאַרוואַנדלט האָט זיך אייער רויך און אַש און שטויב —
אין בלויער דעמערונג, אין טאָג-ליכט אין צעשטראַלטן,
אין רעגן-טראָפּנס און אין טוי, וואָס וואַשט מיין שויב.

איר זייט אַ פֿאַרבן-שפּיל וואָס לעבט און שטאַרבט אָן ווייטאָג,
און ברענט אין מיר, ווי אין אַ וואַסער ברענט אַ שטראַל.
איר זייט דאָס גאָלד פֿון שפּעט-זומער אינמיטן שניי-טאָג,
און פֿרילינגס אייביק גרין אין רויטן בלעטערפֿאַל.

זייט וויסן, מיינע געסט, איך לעב דאָ אַ פאַרשטעלטער,
איך האָב געמיינט, איך בין אַנטלאָפן פון דעם טויט;
אַנטלאָפן איז אַ גוף וואָס ברעכט זיך און ווערט עלטער,
און אַ געשאָנקען העמד איז מיר מיין לייב, מיין הויט.

בלויז דעמאָלט ווען איר קומט צו מיר, איר שפּעטע אורחים,
דערפיל איך זיך ניט מער פאַרפרעמדט פון אייגן לייב.
אין סודותדיקן שניי-גערויש און בלעטער-שאָרכען
דערהער איך אייער קול וואָס שעפּטשעט מיר: „פאַרשרייב".

כדאי איז מיר צו לעבן אויף דער וועלט אַ פרעמדער,
אַז איך זאָל קאָנען אייך מחיה-מתים זיין.
ביז איך וועל אויסטאָן זיך פון די געשענקטע העמדער,
און איך וועל אויך ווי איר זיך אומוואַנדלען אין שיין.

**נפתלי גראָס**

## הייליק יידיש דרויב

אויף דעם ביישטידל פון אַ צעבראָכענער טיר
הענגט נאָך אַ מזוזה צוגעשלאָגן,
און ביי דער שוועל — פון שונאס האַק פאַרטראָגן —
וואַלגערט זיך אום אַ יידיש שילדל פון אַ קוואַרטיר.

אַ קרעמערס חשבון אויף אַ שטיקל פּאַק־פּאַפּיר,
אַ שמה פון אַ יינגלס חומש מיט גאָטס זאָגן. —
ווער וועט דאָס וואָרט פון גאָט איצט ווייטער טראָגן? —
פאַרשניטן איז פון פאָלק די אויסדערוויילטע ציר.

די פענצטער פון בית־מדרש אויסגעשלאָגן,
די טירלעך פון ארון־קודש נאַקעט און צעבראָכן,
אַ תורה־מענטעלע צעריסן און צעשטאָכן, —
נישטאָ אפילו ווער סע זאָל דעם בראָך באַקלאָגן.

די לוחות מיט די גילדענע אותיות צעשמעטערט,
די אלף פון אנכי וואַלגערט זיך אין שטויב;
די דוכנדיקע הענט אין אויסגעשפּרייטן לויב,
פון גילדענעם לייב דער קאָפּ, אַ פליגל פון אַ טויב, —

דער איבערבלייב פון הייליק יידיש דרויב,
וואָס איז איבער דעם ארון ערשט געווען די ציר, —
ס'איז אַלץ געוואָרן הפקר פאַר דעם רשעס גיר,
ס'איז אַלץ געוואָרן זאַקרויב פאַר דעם שפּעטער.

אליעזר גרינבערג

## חלום אויף דער וואָר

אַ גאַנצע לאַנגע נאַכט איז ער געלעגן
מיט אויגן ברייט־צעעפנט און נישט געשלאָפן.
מיט טאָג צוגלייך איז ער אין גאַס אַרויס —
און קיינעם, קיינעם אויף דער גאַס נישט אָנגעטראָפן.

שעהן־לאַנג איז ער אַזוי אַרומגעגאַנגען,
און קיין אָטעם ניט פאַרנומען דאָרט פון מענטש און חיה.
בלויז שורות פוסטע מויערן ווי איינגעבויגענע מצבות
אין שטומען טרויער אויף זייער אייגענער לוויה.

אַמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז עמעץ קומט פון ווייטן.
אַ געשטאַלט געענטפערט, און איז פלוצלינג ניט געוואָרן:
האָט ער זיך אַרומגעקוקט און ווייטער געגאַנגען,
און מיט שרעק באַטראַכט די היים פון זיינע קינדער־יאָרן.

לאַנג האָט ער אַזוי די טויטע שטאָט געמאָסטן,
מיט אַ האַרץ — אי שווער אי פול פאַרדראָסן.
ער איז פון גאַס צו גאַס געגאַנגען פריינט אויפזוכן —
נאָר אומעטום האָט ער געטראָפן טיר און טויער פאַרשלאָסן.

אין שרעק האָט ער גענומען רופן אויף אַ קול
אי ווייטע פריינט אי נאָענטע שכנים.
ער האָט אין שרעק גערופן, גערופן, גערופן,
און קיין ענטפער נישט געהערט פון קיינעם, פון קיינעם, קיינעם.

האָט ער זיך ווייטער וואַנדערן געלאָזט
ביז ער איז צו אייגן הויז קוים צוגעקומען.
צוקנדיקע שלייפן; קאַלטע טראָפּנס שוויים אויף שטערן;
און אַ מדברדיקער גומען.

אין שרעק האָט ער אַצינד גענומען ווידער רופן
נעמען פון אייגענע, ווי שטילע הייליקע שפּרוכן.
האָט זיין הויז אַריינגערוקט זיך צווישן די שורות הייזער,
האָט ער אין פאַרלוירנקייט גענומען זיך אַליין דאָרט זוכן.

די פּוסטקייט האָט געיאָמערט אין דעם הויז אויף טויזנט קולות
אין זיבן פענצטער פאַרגאַנגען זיינען זיבן שוואַרצע זונען.
אַ בלינדע פינצטערניש איז פאַריתומט טיף אין אים אַריינגעקראָכן,
און ער האָט ווייטער זיך אַליין געזוכט, געזוכט און ניט געפונען.

ביז פּלוצים איז דאָס גאַנצע הויז געוואָרן אַ קלאָרער שפּיגל
און ווען ער האָט אַריינגעקוקט אַהין מיט ברייט־פאַרצוקטע אויגן —
האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען זיך — ווי מען זעט אַ פרעמדן,
ווייל אויך ער אַליין איז לאַנג, שוין לאַנג פון דאָרט אַוועקגעפלויגן.

ער האָט אַ שאָטן פון אַ פרעמדן בלויז דערקענט פון זיך אין שפּיגל,
אַ שאָטן וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען טראָט נאָך טראָט.
דער פרעמדער האָט נאָך אים גענומען ליכט באַלד צינדן, רייסן
קריעה,
דער איינציק לעבעדיק־פאַרבליבענער — אין דער טויטער שטאָט.

## אַ פרוי אין אַ טוך

פאַרמאַך נישט די טיר!
זי עפנט זיך סיוואי ביים מינדסטן באַריר,
און איבער דער שוועל קומט אַריין אויף באַזוך
אַ פרוי אין אַ טוך.

וואָס העלפט, אַז איך שריי?
אין שוויינן פאַרביסן זי גייט מיך פאַרביי —
באַהאַלטן דאָס פּנים, די האָר אין די הענט.
איך האָב זי דערקענט!

בלייב שטיין אַ מינוט!
דו ברענגסט איצטער ווידער דעם ריח פון בלוט:
ביסט דו דאָס מיין מאַמע? לויפסט ווידער אַוועק
פון אומקום און שרעק?

ווי איז דאָס געשען,
אַז כ'זאָל דיך צוריק איצטער ווידער דערזען?
דיין אומקום איז לאַנג דאָך געוואָרן געשווינד
געפּייערט פון ווינט.

ער האָט דיך באַרויבט
פון מלבוש און גוף און צעטראָגן אויף שטויב.
מיט רויכן די זון פונעם הימל פאַרשטעלט
און דיך — פון דער וועלט.

ווי קומסטו צוריק?
דאָס האָט דיך אַוודאי באַשאַפן מיין בליק,
אַז קאָנען צוזאַמען מיט מיר זאָלסטו זיין
אויף אומעט און פּיין. — — —

נו, גוט, איך בין שטיל.
נאָר איין זאַך — דיין פּנים, איך בעט, נישט אַנטהיל!
זאָל בלייבן, אַז דו האָסט זיך מיר בלויז געדוכט —
אַ פרוי אין אַ טוך.

## ביים ראָג פון זאַמבקאָווסקע — טאַרגאָווע

אויב דו וועסט מיך טרעפן אַמאָל, אין פאַרנאַכט,
אין פּראַגע, ביים ראָג פון זאַמבקאָווסקע — טאַרגאָווע —
זיי ווייסן, אַז דאָס איז אַ ווייטער פאַרדאַכט,
נישט מער, ווי אַן אָפּשיין פון דיינס אַ מחשבה. —

געווען וואָלט דאָס וואָר, ווען איך וואָלט דאָרט דערקענט
די לופט פון דער קינדהייט, דאָס גראָז פון די סקווערן.
די לופט און דאָס גראָז איז געוואָרן פאַרברענט
אינאיינעם מיט יענע פאַרכישופטע שטערן.

די גאַס איז פאַראַן, און מיין הויז שטייט דאָ גאַנץ,
און ס׳פירן די זעלביקע הילצערנע שטיגן
אויף וועלכע איך בין אין אַ שיכורן טאַנץ
אַמאָל צו דער פרייד און צום וואַקסן געשטיגן.

נאָר איצט האָט דאָס לעבן דאָ נישט קיין רשות —
איך שטייג אויף די טרעפּ און ווער לייכט ווי אַ שאָטן.
אין וואַקל און שרעק זוכט אַן אָנשפּאַר מיין פוס,
ווי איך וואָלט אין חלל נישט זיכער געטראָטן.

איך קאָן מער נישט שרייען. איך ווייס אַז מיין קול
איז טויט אין דעם לאַנד פון זכרונות און נעמען.
איך וויל בלויז אַנטלויפן, אַזוי ווי אַמאָל,
ווען כ'פלעג מיט די יינגלשע טרערן זיך שעמען — — —

זאָל בלייבן, זאָל בלייבן אַלץ פינצטער פאַרמאַכט.
און איך אויפן ראָג פון זאַמבראָווסקע — טאַרגאָווע
וועל דאַרפן פאַרשווינדן אין גרויען פאַרנאַכט,
אַזוי ווי דער אָפּשיין פון דיינס אַ מחשבה.

(וואַרשע, 1949)

## ירושה

נישט אַלץ וואָס געירשנט — כ׳וועל לאָזן ירושה.
נאָר איין זאַך: מיין שנאה, מיין פּיינפולע שנאה,
וואָס יאָגט אָן אין אויג מיט אַ בלוט-שטראָם פון האַרץ,
וואָס איינע בלויז זי איז איצט שולט אין זינען,
וואָס האַלט אַלע פאַרבן פאַרגאָסן מיט שוואַרץ;
מיין שנאה, וואָס דאַרף נישט קיין שפּראַך און קיין טייטש
און רייסט אויף ביים בלויזן דערמאָנען: אַ דייטש —
דאָס וועל איך מיט ציטער פאַרהיטן און זאָגן:
— דאָס זאָלסטו, מיין קינד, צו דער אייביקייט טראָגן.
דורך דיר זאָל אַוועק, נישט געשטילט, מיין נקמה
און גיין אַ געטרייע אויף שפּורן פון מאָרד.
זאָלסט טראָגן אַ סדומישע שטראָף אויף די סדומער
און ברען אונטער יעדן רוצח דאָס אָרט.
דיין בלוט זאָלסטו, חלילה, מיט זיינעם נישט מישן,
צום הונגער זאָלסטו אים דערלאַנגען דעם דאָרשט.
אַ שטיין — ווען ער וועט ביי דיר בעטן אַ קישן.
און רעדסטו צו אים — ווי דו וואָלסט אים געפאָרשט. —
און היט זיך צו שטעלן אין גבול פון זיין שאָטן,
און היט זיך מטמא צו זיין מיט זיין אָטעם.

אַלמאַ-אַטאַ, 1943

## אלחנן וואָגלער

# דער הימל רייסט קריעה

(פון דער פּאָעמע: „לידער פון דער סאָן").

אָן אַ היים, אָן אַ לאַנד,
אין טראַקטירן פון רויך
מיט אַ שטעקן אין האַנט
קומט אַ וואַנדערער אויך.

פאַרשלאָסן זיין ליפּ איז,
אין סוד פון זיין בליק
פאַרוויגן צוויי ליפּעם
זיין פּאָלק אויף אַ שטריק.

די קוואַלן פון נאַכט
אין זיין כוס ברויזן פול,
און די אייביקע נאַכט
פון זיין היים איז דער גבול.

זיין ליד וועט זי הערן
אין רויש פון ווילִיע,
און איבער זיין שטערן
דער הימל רייסט קריעה.

די ערד נאָר באַהאַלט
אין אַלע פיר עקן,
דעם אויסגעהאַקטן וואַלד, —
וואָס קרעכצט אין זיין שטעקן.

## פּורפּורנע טויערן

כ׳וויס, כ׳וועל אייביק באַדויערן,
וואָס איך האָב מיין היים אָנגעוואָרן.
דורך אירע פּורפּורנע טויערן
זיינען אַדורך מיינע יאָרן.

דורך אירע פּורפּורנע טויערן
דער וועג צו דער אייביקייט גליט,
עס וועלן מיך שטערן באַדויערן,
וואָס איך האָב דעם וועג ניט געהיט.

אין אירע פּורפּורנע טויערן
דער טאָג איז פאַרשטעלט;
די זון וועט מיט שיין מיך באַדויערן —
וואָס זוך איך דעם טאָג אין דער וועלט.

זי וועט אין פאַרנאַכטן מיך לויערן,
פאַר שאַנד ווערן רויט און פאַרגיין,
וואָס איך האָב דעם וועג צו די טויערן
ניט אויסגעגעבעט מיט מיין געביין.

מאַמע, פּראַל אויף דיינע טויערן,
דער פויגל צו מזרח וואָס פליט,
וועט אויף אַ דעמב נאָך מיר טרויערן,
זינגען באַגינען מיין ליד:

— ווילנע, מיין וויג און מיין דויערן,
מיט קלאַפּ פון מיין האַרץ אויף פּאַנאַר
אַ וועג לייגן צו דיינע טויערן
וועל איך מיט מיין שטיינערנעם צער.

כ׳וויל זיין אַ שוועל צו די טויערן,
קושן פון מאָרגנס די טריט,
דער האַמער וועט אָבער באַדויערן,
מיין לעבן איז ניט פון גראַניט.

די טשערעשניכע וועט מיך באַדויערן,
כ׳בין אויף איר האַלדז ניט דער צווייט,
צו אירע נעסטיקע אויערן
וועט זינגען דער קוקו מיין ליד:

מאַמע, פּראַל אויף דיינע טויערן,
כ׳וויל אַ וויינגאָרטן זיין אין דיין שיין,
דיין ליפּ וועט מיט ווי נאָר באַדויערן:
אַ טרער רוישט אין דנאָ פון מיין וויין.

די ליטווישע ערד וועט באַדויערן,
כ׳בין אויף איר פעלד ניט דער שניט,
צו אירע באַרגיקע אויערן
וועלן זינגען די טייכן מיין ליד:

— מאַמע, פֿראַל אויף דיינע טויערן,
כ׳וויל זיין דאָס פֿעלד דיינס מיט קאָרן,
דער סערפּ וועט אין אָזונט באַדויערן,
כ׳האָב די קערנער אין שטורעם פֿאַרלאָרן.

— — — — — — — — — — — — —

די זון האָט פֿאַרריגלט די טויערן,
דער פֿויגל צו מזרח וואָס פֿליט,
וועט מיך מיט אַ פֿליגל באַדויערן
און זינגען באַגינען מיין ליד.

בעריש וויינשטיין

## מיידאַנעק, גאָט!

(פראַגמענט)

מיידאַנעק, גאָט, איז נישט קיין ליד...
ס'איז שייטער — דער מזבח פונעם ייד,
וואָס מען האָט לעבעדיקערהייט פאַרגליט:
...אָ, געגאַנגען צו דער הייליקער עקדה
איז מיט שמע ישראל אונדזער זיידע —
און טרויעריקער פון מגילת איכה
איז דער קידוש־השם פון אונדזער ליד.
ווי איז אונדז פאַר יענעם הייליקן ייד.

מיידאַנעק, גאָט, איז דאָס גרויע כשרע אַש
פון שטילע באָבעס פון גאָט פון אברהם;
פון אונדזערע פשוטע וואַסער־טרעגערס;
פון אונדזערע קלוגע „אלף־בית" קינדער
און געבוירענע „שיר המעלות" עופהלעך.
מיידאַנעק — איז די ירושה פון דורות;
די לוחות פון משה רבנו מדבר־טעג.
דאָס אַלץ האָט מען פראַסט געשענדט.
דאָס אַלץ — האָט מען פראַסט פאַרלענדט

און געוואָרפן ווי האָלץ פון די הענט
אין בראַנדאויוונס, און קאַלכאויוונס.
...אַז ווי איז אונדז פאַר יענעם הייליקן ייד!

נישטאָ, גאָט, אַזויפיל טויטן אין ונתנה תוקף,
וויפל ס'האָט געטראָגן מיין פרומער זיידע,
ווען ער איז געגאַנגען אין טלית-תפילין
צו די אויוונס פון מײדאַנעק און לובלין;
צו די קברים טרעבלינקע-אָשוויענטשים
דורך טויזנט טויטן אין טויזנט שטעט —
מיט אונדזערע קינדער אויף קידוש-השם.
...ווי צו דער וועלט פאַר יענעם הייליקן ייד.

מײדאַנעק —

מען האָט אויסגעטאָן נאַקעט דעם ייד
פון באָרד און פיאות, אַטלאַס און זייד,
און אים פאַרשרפעט לעבעדיקערהייט.

מײדאַנעק —

מ'האָט אויסגעטאָן מיין טייערע באָבע
פון שטערן-טיכל, פון די בענטש-ליכט,
און זי געשאָכטן און זי פאַרברײט.

מײדאַנעק —

מען האָט אויסגעטאָן אונדזערע מאַמעס
פון צניעות, פון דער גאָלדענער קייט,
און זיי אונטערגעצונדן שטומערהייט.

— מײדאַנעק

מ׳האָט אויסגעטאָן אונדזערע טעכטער —
די כשרה כלות פון כשרע חופות —
און זײ געשענדט און זײ פאַרברענט...

— מײדאַנעק

מ׳האָט אויסגעטאָן דאָס הײליקע „שׂכל״
פון אונדזערע עופּהלעך און קינדער,
און זײ געבראָטן װי שאָף און װי רינדער.

— מײדאַנעק

אַז פאַרשאָלטן זאָל איצט װערן דאָס ליד,
װאָס שרײבט איצט פון יענעם הײליקן ייד;
און פאַרשאָלטן זאָלן װערן מײנע הענט,
װאָס האָבן צוזאַמען מיט אים נישט געברענט.

**שפרה ווערבער**

## דאָס וויינען מתים גאָר...

צום אָנדענק פון מיין ברודער דוד.

אַ שטורעם האָט מיט קראַך
צעבושעוועט די נאַכט,
אַרויסגעריסן די לבנה
פון איר טראַכט,
אויף שטיקלעך ווייסע
זי צעריסן,
און בעת מעשה
זיך ווי אַ לץ צעלאַכט.

אַ דונער האָט אַ זעץ געטאָן
אין אויסגעגלאָצטע שטערן
און דעם הימל בלינד געמאַכט.

**האָט אַ רעגן-שלאַקס**
מיט רוגזה זיך צעשמיסן
און פון זיין טיפן שלאָף
מיין חלום אויפגעריסן.

זיך אויפגעכאַפּט —
צעטומלט און דערשראָקן
האָט ער אויף זיינע פליגל
מיך געכאַפּט,
גענומען טראָגן זיך מיט מיר

אין ווילד-געדריי
פון זאַווערוכע —
אַ גליענדיקער צייכן
אין ווייטע הייכן.

דורך נאַכט-געווירבל —
אַ קול פאַרהוילן
אין אַ שטיל געמורמל:
דו זעסט, ווי ביימער שטייען אין אַ שורה?
דו הערסט אַ בלעטער-רויש אין זיי?
עס איז נישט וואָר,
דאָס וויינען מתים גאָר,
מתים נישט געבראַכטע צו דער קבורה.

דו הערסט ווי יאָמערדיק ס'פאַרגייט
אין שוואַרצע בערג אַ ווינט-געוואָי?
עס איז נישט וואָר,
דאָס וויינען מתים גאָר,
מתים צו דער קבורה גרייט,
דאָס וויינען זיי אַזוי...

**בריסל, 21.3.1951**

**אברהם זאק**

## נישטאָ פאַר דיר...

נישטאָ פאַר דיר קיין תשובה גאָר, דו דייטשישע אַריער־אומה,
נישט היינט און נישט אין ווייטע קומענדיקע טעג.
אין דער משפחה פון די פעלקער וועסטו שטענדיק בלייבן
ווי טומאה פינצטערע און ווי אַ שוואַרצער פלעק.

נישטאָ פאַר אייך קיין לייטערונג, נישטאָ פאַר אייך קיין תקומה,
איר שעפער פון דעם מאַסן־טויט און ראַסן־סם!
מיליאָנען קדושים האָבן אייך אין לעצטן קראַמף פאַרשאָלטן,
און רוישן רוישט אין אייביקייט פון בלוט דער ים.

## דו בלייבסט נאָר אַ חלום...

דו בלייבסט נאָר אַ חלום, אַ לויטערער חלום,
מיין היים, וואָס געווען און נישטאָ...
וואוהין כ׳זאָל נישט בלאָנקען, וואוהין כ׳זאָל נישט וואָגלען —
פאַרוים פליט אַ פינצטערע קראָ.

זי שרייט און זי קראַקעט און זאָגט אָן די בשורה,
אַז אומעטום חושך און לער...
איך זוך דיך אומזיסט צווישן חורבות און קברים —
דו בלייבסט נאָר אַ חלום, נישט מער...

אק־בולאַק, 1945

## צום 30־טן יאָרצייט פון מענדעלע מו״ס

אָ, קלוגער זיידע! וואו געווען איז דאַן דיין ברכה
אין טעג נסיונותדיקע, גרויליק־שווערע?
פון דיינע טוניעיאַדעווקעס נאָר אַש געבליבן,
נאָר ציגל, ווענט אָן פענצטער, חורבות לערע.

עס זיינען דיינע אייניקלעך אַוועק אין פלאַמען,
געבליבן אין בעזליודעווקע איז קיינער.
דער ראש הקהל, צי פישקע קרומער — אַלע, אַלע,
פון אַ קהילה קוים געבליבן איינער...

דיין שקאַפּע אויסגעצויגן הפקר אויף אַ וועג וואו.
עס האָבן איר געביין צעפּיקט די קראָען...
די בויד מיט ספרים לאַנג צעשיט, צעפליקט אויף פּיצלעך,
די ווינטן טראָגן שמות אינעם וואָיען...

עס בלאָנקעט דיין ישראליק איצט אויף וויסטע וועגן,
פאַריתומט קרועה בלויה און פאַרלאָזן...
א יותם אָן אַ היים, אַ יתום צווישן הפקר,
צווישן האַס, צווישן פיינטס ירגזון...

אָ, קלוגער זיידע! וואָס וואָלסטו געקאָנט איצט זאָגן?
וואָלסטו נאָך איצט געהאַט אַ חוזק־שמייכל?
וואָלסטו זיכער איצט ביי אונדז געוואָרן אַ מקונן
מיט אַש אויף לענדן אויף אַ וויסטן היכל — — —

## קדושים

אַלע שטומע הימלען שפּיגלען אָפּעט אייערע בליקן.
אַלע ווינטן טראָגן אייער אַש און אייער שטויב.
אַלע ערדן ווערן אייערע צעשפּרייטע קברים.
נשמות פלאַטערן אין רוים ווי פליגל פון אַ טויב.

אַלע פייגל זינגען אויס אַ טרויעריקן קדיש.
אַלע וועלדער רוישן אין אַ יאָמערדיק געוויין.
קיינער קען פאַרגעסן אייך — אין אַשן און אין שטויבן, —
כאָטש ניט באַשערט קיין קבר אייך, כאָטש ניט באַשערט קיין
שטיין...

**רייזל זשיכלינסקי**

## מיינע יידישע אויגן

האָב איך דען געעפנט דאָס פענצטער
פאַר דער פרילינגדיקער זון?
דער הימל,
די וואָלקנס
שווימען דען נאָך אין מיינע אויגן אַרום?

האָב איך דען געברענגט אַט דעם בלומענטאָפּ אַהיים
און וואַרט,
עס זאָל זיך אויפמאַכן די בלום?
מיך האָט מען דאָך באַגראָבן לעבעדיקערהייט!

דאָס קבר האָב איך געגראָבן מיר אַליין,
די ערד איז געווען האַרט
און געפרוירן.

דאָס קבר האָב איך געמוזט
מיט בלויזע הענט אויסגראָבן אַליין.
נאָר מיין קאָפּ שטעקט פון קבר אַרויס,
אַ פאַרשאָלטן געוויקס, וואָס קאָן ניט שטאַרבן.

מיינע יידישע אויגן
טרינקען אַלע פאַרבן.
מיינע יידישע אויגן,
אָפענע,
קוקן פון די קברים אַרויס
און ווילן ניט שטאַרבן.

## גאָט האָט באַהאַלטן זיין פּנים

אַלע וועגן האָבן געפירט צום טויט,
אַלע וועגן.
אַלע ווינטן האָבן געאָטעמט מיט פאַראַט,
אַלע ווינטן.
אויף אַלע שוועלן האָבן געהאָוקעט בייזע הינט,
אויף אַלע שוועלן.
אַלע וואַסערן האָבן פון אונדז געלאַכט,
אַלע וואַסערן.
אַלע נעכט זיינען פעט געווען פון אונדזער שרעק,
אַלע נעכט.
און די הימלען זיינען געווען נאַקעט און ליידיק,
אַלע הימלען.
און גאָט האָט באַהאַלטן זיין פּנים.

## פון אַ וואָלקן

פון אַ וואָלקן קוקט אויף מיר די מאַמע
מיט פאַרבלוטיקטע אויגן —
טאָכטער, פאַרבינד מיר די וואונדן.
איר גרויער קאָפּ איז געבויגן.

מײַן שװעסטער װײנט צװישן די בלעטער
פֿון אַלע גרינע בײמער:
מײַן מײדעלע, מײַן טאָכטער װאו איז?
רײזל, קלײב צונויף אירע בײנער.

מײַן ברודער שװימט אין די װאַסערן
טעג, װאָכן, יאָרן.
אַ שטײן איז צוגעבונדן צו זײַן האַלדז.
דער הימל לויכט מיט בלויע טרערן.

מײַן שכן װעקט מיך אין די נעכט:
מען האָט מיך געהאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ.
נעם מיך אַראָפּ פֿון דער תּליה — הײב מיך אויף.
אַ, װי עס טוט װײ יעדע האָר אויף מײַן קאָפּ.

מאַי, איך גײ אַרום צװישן שאָטנס
מיט מײַן קלײנעם זון אויף די הענט.
אַזױפֿיל לעבנס פֿאַרשניטענע קלאַמערן זיך
צו מיר, צו מײנע װינקלען, צו מײנע װענט.

אַזױפֿיל לעבנס פֿאַרשניטענע ציטערן
אויף די לאַנגע װיעס פֿון מײַן קינד,
אַזױפֿיל לעבנס פֿאַרשניטענע קלאָגן
אין מאַי, אין פֿרילינגדיקן װינט.

קאַזאַן, 1943

**א. טאַבאַטשניק**

## עס וויינט דאָס האַרץ

(פראַגמענט)

1

עס וויינט דאָס האַרץ נאָך פרומע רייד,
נאָך תפילות ווי דאָס העלן אויף באַגינען.
עס לערנט דער בעל־שם: זאָלסט דינען גאָט מיט פרייד...
אָ, פרייד וואו קען איך דיך געפינען?

דער טאָג פאַרדולט, פאַרטומלט און פאַרשטעלט,
צו תאוות, צו רגילותן אַ שקלאַף.
עס קומט די נאַכט קערט איבער זיך מיין וועלט,
און ס׳קלאָגט אין מיר גאָטס קלעגלעכער באַשאַף.

איך וויין פון שלאָף... וואָס וויין איך וואָס,
אַז אַלץ איז שוין פאַרלוירן און פאַרפאַלן?
עס פאַלט אויף מיר ווי אויף פאַרשניטן גראָז
די וואַרעמקייט פון אויפגעוואַכטע שטראַלן.

2

זיך אויפגעכאַפּט ביינאַכט: אַנטקעגן דער לבנה
האָב איך געשפּירט ווי מעסערס בלאַנקע די סכנה.
דו האָסט געפּליסטערט וואָס, איך האָב געהערט
פון עק צו עק — עס קרעכצט די גאַנצע ערד.

ווילסטו טרייסטן מיך? וואָס קאָנסטו מיר דערציילן?
וואָס קאָנסטו זאָגן דען וואָס וועט די וואונד מיר היילן?
וואָס קאָנסטו לערנען מיך: וואָס דאַרף איך וויסן?
עס איז דאָס האַרץ אויף אייביק שוין צעריסן.

איך האָב געהאָפט אויף נסים און אויף וואונדער,
און יעדן איינציקן פון זיי געציילט באַזונדער.
צי קאָן מען אָפוואַשן מיט טרערן זייער בלוט?
צי קאָן ווער אויסקלאָגן דעם צאָרן פון דער רוט?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך וועל פאַר זיי אַ קבר זיין, אַ בערגל ערד מיט מאָך,
און איינגעזונקענער מצבה־שטיין.

# זרע אברהם

איך צייל די מתים מײַנע און פֿאַרצייל —
זיי זײַנען ניט צום איבערציילן ווי די שטערן.
איך פֿרעג אין פּחד: — שומר מה מליל?
און ער פֿון נייע קדושים לאָזט מיר הערן.
איך צייל און כאַפּ ביים קאָפּ זיך מיט דער האַנט,
איך צייל און פֿאַל אַנידער אויף מײַן פּנים.
עס זײַנען מײַנע מתים פֿיל ווי זאַמד.
אברהם, זע, ווי גאָט פֿאַרמערט דײַן זאָמען.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

## די היים שוין נישט קיין היים מער

די היים שוין נישט קיין היים מער,
פרעמד דאָס לאַנד פון מיין געבוירן,
און מיט חשד און שרעק געהיימער
אַלע שאָטנס דאָרט לויערן.

ביימער — יאָרצייט ליכט אויף וועגן
גליען אוים אין יעדער שקיעה.
וועל איך יעדן בוים דאָרט פרעגן:
— זאָג, דו ביסט מיין טאַטנס תליה?

נישט דערברענטע חורבות קלאָגן,
חלומען נאָך אַלץ פון פלאַמען.
וועל איך יעדער חורבה זאָגן:
— ביסט דער קבר פון מיין מאַמען?

שליאַכן זיינען דאָרט פאַרבליבן
צווישן פעלדער אָפּגעבליטע.
— וועלכער וועג האָט נישט געטריבן
מיינע נאָענטע צו דער שחיטה?

מיינע ברידערס פים מיט מאַטער
וועלכער שטיין האָט נישט געלעסטערט?
וועלכער ווינט האָט נישט געפלאַטערט
מיט געוויין פון מיינע שוועסטער?

איז די היים שוין נישט קיין היים מער,
און מיר אַלע בלינד ווי סאָוועס
קוקן צוריק מיט שרעק געהיימער
צו דעם לאַנד פון קבר־אָבות.

## מיין מאַמעס יום־טוב קלייד

און נישט קיין גוף... און אויך קיין פּנים איז נישטאָ,
עס לויכטן בלויז אין רוים צוויי בלויע, מילדע אויגן.
און ציטעריק אין ווינט גייט אויף מיט יום־טוב־בלאָ,
און זיידענעם גערויש — מיין מאַמעס קלייד צעפלויגן.

מיר דוכט זיך אויס אַ ווייל: זי גייט פון שול מסתם,
(זי גייט נאָך אַלץ פון שול, די אַלטע מאַמע מיינע)
און פּונקט ווי גאָר אַמאָל, מיט פרומען בענטשליכט־פלאַם
די שויבן הייבן אָן אַנטקעגן איר צו שיינען.

זי קומט אַלץ נענטער צו און אפשר וועט דאָ באַלד
מיין פיבערדיקע האַנט דאָס בלויע קלייד דערלאַנגען...
נאָר אָט פאַרגייט דעם וועג איר אומגעריכט אַ וואַלד,
צו וואָס איז זי אין וואַלד, מיין מאַמע, איצט געגאַנגען?

וואָס טוט זי דען אין וואַלד, אין יום־טובדיקן טראַכט?
וואָס גייט זי נישט אַהיים דער שטוב גוט־יום־טוב־ביטן?

וואָס שוועבט זי דאָ אין וואַלד, אין שאָטן־שפּיל פון נאַכט,
ווי צו דעם הויכן צווייג געפרואווט וואָלט זי אַ פלי טאָן?

איך הער אין תליונס הענט קרעכצט אַפּ דער בלאָער זייד
און ווייטע קנאַסמאַלן מיט קלעזמער־פידל וויינען,
און ס'וואַרגט זיך מיט זיין בריל דער מעשענער טרומפּייט
פון אַלע חתונות פון שטעטל דאָרט פון מיינעם.

ס'ווערט שטיל און ס'איז די מאַמע שוין נישטאָ,
נאָר אויגן צוויי פון שרעק אַרויסגעזעצטע.
און ס'הילט אַ דייטש זיך איין אין יום־טובדיקן בלאָ
און טראָגט אוועק מיט זיך ס'געדעכעניש דאָס לעצטע.

(לאָדזש, 1946)

## צו פּוילן

פּוילן, פּוילן, כ'בין מיין בענקען
ווי אַ שבֿעה אויסגעזעסן.
צופיל פיין דיך צו געדענקען,
צופיל גרויל דיך צו פאַרגעסן.

פיינט האָב איך אין טאָל פון ביינער
דיין אויפסניי צעבליטע ליפּע.
דאָס פאַרלאָשענע געוויין נאָר
בליט אַצינד אויף מיינע ליפּן.

דיין געשריי איז מיר דערווידער,
נישט איך הער עס, נישט איך וויל עס.
נאָר דיין שטילקייט ווי אַ סידור
היט דעם סוד פון מיינע תפילות.

פרעמד איז מיר דיין פעלד וואָס מיניעט
מיט דעם ליכט פון זומער זאַטן.
פון דיין גאַנצער ערד דער קנין
איז דאָס קבר פון מיין טאַטן.

ווי אַ וואונד איז יעדער גרוב שוין
מיט אַ גרינער הויט פאַרצויגן.
נאָר אויף טייכן ליגט דער אָפּשיין
פון מיין מאַמעס בלויע אויגן.

אונדז דערוויטערט האָט דאָס לעבן.
נאָר דער טויט האָט אונדז פאַרבונדן.
וויפל פיין איך מוז פאַרגעבן
און פאַרשווייגן — וויפל וואונדן.

פוילן, פוילן, כ׳בין מיין בענקען
ווי אַ שבעה אויסגעזעסן.
צופיל פיין אויף צו געדענקען,
צופיל גרויל אויף צו פאַרגעסן.

נחום יוד

## ניין, אַ, קיינמאָל ניין

שטיל קומט אום דער אומבאַשיצטער,
אַלע שווייגן שאַ.
ס'איז אַ שעה אַ בייזע איצטער
און אַ צייט אַזאַ.

אויך די אייגענע פאַררעטער
צינדן אָן די וועלט,
וועלקט דאָס פאָלק אַזוי ווי בלעטער
און ווי היי אין פעלד.

איידער אומקומען איז בעסער
העלדיש צו פאַרגיין.
אויסשטרעקן דעם האַלדז צום מעסער
ניין, אַ, קיינמאָל ניין.

בלייבט ניט אָפּהענגיק אין ווינקלען
יעדער מיט זיין פיין.
כל זמן ס'טוט אַ פונק נאָך פינקלען
וועט נאָך ליכטיק זיין.

ה. לייוויק

# באַדאַרפֿט האָב איך

באַדאַרפֿט האָב איך מיט אייך צוזאַמען שטאַרבן,
נאָר כ׳האָב קיין כּוח ניט געהאַט דערויף,
און איצטער טו איך אַלץ נאָר צו פֿאַרפֿאַרבן
די צאַפּלעניש פֿון מיין וואָרט און גוף.

ניט צער און צאָרן העלפֿן צו דערטרינקען
אין זייער שטורעמדיקער טיף מיין שולד פֿון זיין,
מיין שולד פֿאַרוואָס די פֿלאַמען פֿון טרעבלינקע
אין מיינע אבֿרים זיינען ניט אַריין.

איצט ווערן אַלע ווערטער גאַלע מאַסקעס
צו צודעקן מיט זיי די אַלוועלט קין־זינד,
און צו פֿאַרשטעלן אַלע אונדזערע פּיאַסקעס
ביים מאָנען רעכענונג פֿאַר אַ דערשאָכטן קינד.

און אַז איך טו אָן אין געדאַנק אויף מיינע לענדן
אבֿלות־זעק, און גראָב אַריין אין אַש דעם קאָפּ —
קומט מאָרגן נאָכאַמאָל דער שענדער שענדן
און תּליון האַקט אַ נייעם קאָפּ אַראָפּ.

אין האַרצן נעמט די חרפּה קלאַגן דאָפּל,
ווען אויף מיין פֿענצטער גיט דער טאָג אַ זונג,
און ווען מיין טיש בלענדט אויף מיט מעסער־גאָפּל
און ווען מיין האַלדז פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון שלונג.

איך זוך באַהעלטעניש אין פאַלדן פון בטחון,
איך טוליע זיך צו נצח. — כ׳ווייס דאָך אָבער גוט,
אַז אַלע וועלט-געפעסן ליגן שוין צעבראָכן
און גאָט האָט מער ניט וואו צו האַלטן הבלם בלוט.

## גוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מיאש

גוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מיאש. —
אַזוי האָבן גערופן די וואַרשעווער יידן
אין זייער ניט-דאַאיקן אויפשטאַנד.
זיי האָבן גערופן,
זיי האָבן די ווערטער געשריבן,
זיי האָבן די אויפשריפט צעהאָנגען
אין הייזער, אין הויפן,
אין בתי-מדרשים —
צו די צען געבאָט און עלפטן געבאָט:
גוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מיאש.

וואָס באַדייט דאָ דאָס וואָרט גוואַלד?
דאָס וואָרט גוואַלד באַדייט דאָ: אייביק.
ניט איין מאָל אייביק,
נאָר זיבן מאָל זיבן אייביק.

זיי האָבן אויך ביקסן געהאַט —
די וואַרשעווער יירן,

אויף קוילן, גראַנאַטן געהאַט —
די וואַרשעווער יידן.
זיי האָבן געשאָסן,
זיי האָבן געטראָפן. —
די וואַרשעווער יידן;
און זאָל זיין געבענטשט
יעדע יידישע קויל,
וואָס האָט דורכגעלעכערט
דאָס האַרץ פון אַ נאַצי.
נאָר דאָפּל געבענטשט זאָל זיין,
אויף אייביק געבענטשט זאָל זיין
די אויפשריפט פון זעקס קליינע ווערטער —
צו די צען געבאָט אַן עלפטער געבאָט:
גוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מיאש.

די ביקסן האָבן קוילן געהאַט
און די קוילן זיינען אויסגעגאַנגען,
ווייַ, אויסגעגאַנגען.
דער נאַצי, דער דייטש, האָט מערער געהאַט,
ווייַ, מערער געהאַט:
באָמבעס געהאַט,
קאַנאָנען געהאַט,
עראָפּלאַנען געהאַט.
אַלץ האָט דער דייטש שטום געמאַכט,
נאָר ניט די זעקס קליינע ווערטער —
צו די צען געבאָט דעם עלפטן געבאָט:
גוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מיאש.

וואָס באַדייט דאָ דאָס וואָרט גוואַלד?
דאָס וואָרט גוואַלד באַדייט דאָ: אייביק.
ניט איין מאָל אייביק,
נאָר זיבן מאָל זיבן אייביק,

## כ׳האָב דאַכאַו אויך שוין געזען

כ׳האָב דאַכאַו אויך שוין געזען,
געזען דאָס פאַרבלייבעכץ פון שייטער.
און איצט — וואָס ווייטער?
מיין גאָט, מיין גאָט, וואָס ווייטער?

כ׳האָב אָנגערירט שטעכלקעס דראָט, —
כ׳האָב אָנגערירט טויט מיט די פינגער.
איצט, הייסט עס, דאַרף ווערן מיר גרינגער
צו לעבן — דאַרף ווערן מיר גרינגער.

פון דאַכאַו לאָז איך זיך גיין,
וואוהין? — קיין ניו־יאָרק, לויט מיין פּאַספּאָרט.
כ׳האָב אָפּגעשפּאָרט — וואָס? אַ האַס־וואָרט
צו טראָגן מיט זיך ווי אַ פּאַספּאָרט.

דיין לאַנד, דייטש, איז שיין און געמיין,
געמיין ווי דיין קין־פאַרוואַנדשאַפט,

פאַרשילט איך מיין וויסטע באַקאַנטשאַפט
מיט דיר אויף דיין בייערן־לאַנדשאַפט.

דיין נאַצישן שטערן געזען —
צי ווייס איך איצט מער וואָס באַדייט ער?
וואוהין גיין פון דאַכאַו ווייטער?
מיין גאָט, מיין גאָט, וואוהין ווייטער?

(מינכען, 1946)

## צו מיינע ברידער, וועמען כ'האָב אין דאַכאַו ניט געפונען

איך פאָר אייך ניט מער מיט מיין נעכטן — איך פאָר ניט.
איך טאָר אייך אין פנים ניט זען מער — איך טאָר ניט.
איר ליגט ערגעץ־וואו — רוף עס בארג — רוף עס טאָל,
אַ האַנט קאָן דערגרייכן — אַ הילך פון אַ קול.
איר ליגט ערגעץ דאָ — ערגעץ דאָרט,
צי רופט מען עס רו־וועלט, צי הייליקער אָרט.
איר ליגט און איר שלאָפט — זייער נאָנט — זייער ווייט —
ביים סוף פון דער וועלט — אין דער מיט — אָן דער זייט.
איר ליגט ביי אַ בוים — ביי אַ זוים פון אַ וואַלד —
ביים ראַנד פון אַ מדבר — אין עק פון אַ שטעטל.
דאָרט ליגט איר מיט גוטן — דאָרט ליגט איר מיט גוואַלד.

דאָרט שטייט אייך צוקאָפּנס אַ הילצערן ברעטל
מיט אותיות-פּלעקן קוים קענטיק אויף דעם:
פּה נקבר על קדוש השם — — —

איך קום, וואו איך קום — אומעטום דאָרט געפין איך
דאָס ברעטל — אַ צייכן: דאָ ליג איך, דאָ בין איך.
דאָס ברעטל באַרירן? — אַוודאי, כ׳מעג יאָ
אייך געבן צו וויסן: אויך איך בין שוין דאָ;
נאָר אויפהויבן הייב איך ניט אויף
די דעק איבער אייך כדי צו זען אייך אין גוף,
ווער רעדט נאָך מיט אייך פּנים-פּנים צו זען זיך. —
איך נעם זיך אַליין זיבן מאָל און פאַרברען זיך,
ביז וואַנען כ׳בין זוכה — אויף מיר זאָל אַ קוק טאָן
איין ווינקל פון אייערס אַן אויג, נאָר אַ צוק טאָן,
און געבן אַ צי מיך אויף יענער זייט שאַרבן
און לאָזן מיך לעבן נאָך זיבן-מאָל-שטאַרבן.

א. לעיעלעס

## דער הענקער פון מינכען

אַ שטאָט אַ פּראַכט איז מינכען, באַרימט מיט קונסט און ביר,
נאָר אויך מיט אירע הענקערס, די כיטרע אָן אַ שיעור.
פון אַזאַ מין הענקער דערציילט דאָס איצטיק ליד —
ווי ס׳האָט דערציילט א לעצטער צום טויט פאַרהעצטער ייד.

* * *

דער הענקער אין זיין פּאַלאַץ גייט שטאָלץ צום שפּיגל צו,
ערשט ס׳קומט אויף אים פון דאָרטן — אַ ייד און זאָגט: „נו־נו?"

דער הענקער איז צעטומלט, ער ווערט אַזש בלאָנע־בלאָ:
„ווי קומסטו, ייד, אַהערצו, אַז איך דאַרף זיין אָט־דאָ?"

„איך האָב דיך ערשט צעריסן און גרינטלעך דיך געטויט,
אויף מיינע פינעף פינגער דיין וואַרעם בלוט נאָך שטייט!"

„דאָס זאָגסטו ריכטיק, הענקער, נאָר וואָס געווען — געווען.
איצט קוק אַריין אין שפּיגל און זע וואָס קאָן געשען".

דער הענקער פאָלגט אַ בייזער; ער וויל נישט, נאָר ער האָרכט.
ער קוקט אַריין אין שפּיגל, און ס׳מיידט פון אים די פאָרכט.

ער זעט דאָרט אַ מין נפש, דאָס מויל אין פרעס געשטרעקט,
די אויגן ווילד פון וועלדער, מיט האַרטע האָר באַדעקט.

מיט שאַרף־באַטלאַטע לאַפּעס, וואו ס'דאַרפן זיין די הענט —
מיט שאַלקהאַפטער הנאה דער הענקער זיך דערקענט.

נאָר ס'דויערט נישט זיין שמחה, ווייל לאַנגזאַם צי געשווינד —
פון שפּיגל קוקט אויף אים שוין אַ קענטלעך יידן־קינד:

מיט שמייכל — העלער הימל, מיט אויגן — זונען צוויי,
ער האָט אַזוינס אַנומלט געזען אין אַ מוזיי.

און ווען געזען — געדענקט ער — האָט עפּעס דאַן אַ שטאָך
געטאָן אים אין דעם האַרצן, ער פילט דעם חידוש נאָך.

דאָס קינד אין שפּיגל וואַקסט אַלץ, די צייט זי פליט און פליט,
און אַט ער זעט שוין ווידער אין גלאָז דעם טויטן ייד.

און ס'זאָגט דער ייד פּאַמעלעך, און אפשר זייער גיך:
„באַטראַכט דו, ווילדער האַסער, אַז דו ביסט אויכעט איך!"

דער הענקער ווערט משוגע, עס שפּאַרט אין אים דער האַס,
ער וויל זיך בייז צעלאַכן, נאָר פּלוצלינג ווערט ער בלאַס.

ער זעט זיך אין דעם שפּיגל (אוים לעבערוואורשט, אוים קרויט!)
ער זעט זיך אין דעם שפּיגל אַן אויסגעשטרעקטן, טויט.

דער הענקער טאַפּט זיין מאָגן, ער טאַפּט אַרום זיין מויל,
נאָר ס'קייקלען זיך איןביידע די קייקעלעך פון גרויל.

„און מיטלייד און רחמנות? איז מיטלייד נישט פאַראַן?
דו, ייד, דו ביסט דאָך שטענדיק דער גרעסטער מיטלייד-מאַן”.

„אַ מיטלייד ברויכסטו נייטיק, אַביסל מענטשלעך גוטס,
אַביסעלע רחמנות — דאָס קומט אַמאָל צונוץ.

נאָר ווען האָסט מיך געהענקערט, האָסטו געשפּילט אַ וואַלץ:
האָסט דעמאָלט ביים רחמנות אַראָפּגעדרייט דעם האַלדז”...

דער הענקער שטייט פאַרלוירן. ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן,
און ווען דער הענקער ווייסט נישט, דאַן הייבט ער שלאָגן אָן.

ער שלאָגט דעם שפּיגל האַסטיק, ער ברעכט אים שטיק נאָך שטיק,
ער שפּירט ניט ווי זיך זעלבערט צעשפּאַלט ער דעם געניק.

און ווען ער שפּירט דאַן פאַלט ער, און עפּעס גיט אַ צינד,
און עפּעס גיט אַ שטאָך אים — ער זעט דאָס יידן-קינד.

און ווי ער פאַלט דאָ הערט ער — שטיל-שטיל און אפשר הויך:
דו האָסט געהענקערט, הענקער, נישט מיך בלויז, נאָר זיך אויך.

* * *

אַזוי ווערט ס'ליד פאַרענדיקט — אַזוי וועט מינכענס רום
פאַרבלייבן שוין אויף שטענדיק אַ שרעק-וואָרט אומעטום:
אַ שטאָט וואָס שפּייזט און קוויקט זיך מיט בלוט און טרערן נאָר,
וואָס האָט געוואָלט זיך קוויקן אַזוי אַ טויזנט יאָר...

# שלום

איך האָב געקויפט אַ פלעשל ווײַן און טאָרט און ניס,
און עפּל, ברויט מיט קעז, און פּאָמעראַנצן,
און זיך געזעצט צו פּראַוון שלום בײַ דעם טיש —
דער שונא איז דאָך שוין צעקלאַפּט אינגאַנצן.

און בײַ מײַן טיש ווער זײַנען עס געווען די געסט?
צווײ ברידער און די שוועסטער צווײ פון פּוילן.
איך האָב באַגריסט, געקושט זײ אויף די ליפּן פעסט,
די ליפּן — קאַלטע, קאַלטע, שוואַרצע קוילן.

נישט פיר — מיר זײַנען פיר און פינף מיליאָן,
זאָגט אָן שום קלאַנג דער ברודער ווינגדער-אײַזיק.
מיד שאָקלט צו מיט שטאָלצן קאָפּ אויך יעקב דן,
און בײדע שוועסטער קוקן ווײַט און אײַזיק.

עס איז דאָך שלום אויף דער ערד שוין אויסגעשפּרייט,
און כ'האָב פאַרבעטן אויך די פרייד צום יום-טוב.
אָט יענע זעקסטע שטול, זי איז פאַר איר געגרייט:
אַזוי האָב איך געזאָגט און — זיך פאַרפּלאָנטערט.

די זעקסטע שטול איז פוסט געשטאַנען אויבנאָן,
געגנעבעכט לער ווי אָן דעם קאָפּ אַ היטל.
נאָר ס'האָבן ניט געקוקט אַהין ניט ווינגדער, דן,
און אויך נישט ריווע-מינדל, ליבע-גיטל.

זיי האָבן נישט געקוקט אַהין און נישט צוריק,
נאָר בלויז אין תהום פון אייגענעם זכרון,
און דאַן אויף מיר אַ לעצטן מידן, מידן בליק,
און זיינען אַלע פיר באַלד נישט געוואָרן.

מיט פינעף שטולן ליידיקע ביים גרייטן טיש
בין איך געבליבן איינער ביז באַגינען.
פאַרשעמט געטונקלט האָבן ווייַן און ברויט און פיש,
און ס׳האָבן שטיל געוויינט די אַפּעלסינען.

**אברהם לעוו**

## אומעטיק קריכן די שעהן

אומעטיק קריכן די שעהן,
אַ שעה נאָך אַ שעה;
וואָס זאָל איך דיר, קינד מיינס, פאַרטרויען?
ווען דאָרט איז שוין קיינער נישטאָ...

שווערער געמיט און געפילן,
שווערער פאַרפייניקטער וואָרט;
מיט וואָס זאָל איך איצטער דיך שטילן?
אַז ס'איז שוין דאָרט קיינער נישטאָ...

מינוטן פאַרשטילט אין מיין שטיבל,
אַ, ווענט, פון צער זייט איר גראָ;
האָט ניט אויף מיר קיין פאַריבל,
וואָס איך איינער לעב און בין דאָ.

אַן עדות בין איך, אַ מצבה
אַז געווען אַ משפּחה אַמאָל,
און איצטער אַפילו אַ קבר
נאָך זיי איז נישטאָ.

מערץ 1946

# ס׳הענגט דאָס בילד

וואו ס׳הענגט דאָס בילד פון זיידע־באָבע, —
דיין בליק, מיין קינד, איז דאָרט געווענדט.
נאָר ווייס, עס האָבן ברוינע ראָבן
זייער מענטש־געשטאַלט געשענדט.

עס וועט דיין זיידע דיך נישט גלעטן
מיט ווייסער באָרד, מיט גרויען בלענד.
עס וועט די באָבע מער דיין בעטל
ניט אויסבעטן מיט אירע הענט.

ווייל ערגעץ־וואו צעשטויבט, צעמאָלן
איז זייער כּשר יידיש לייב,
און איבער בערג און איבער טאָלן —
דער שטורעם זייער אַש צעטרייבט.

עס כמורען זיך איצט דיינע ברעמען,
אַ פראַגע בריט דיר אויפן צונג;
איך ווייס, דו קענסט נאָך ניט באַנעמען,
וואָס איך דערצייל, ביסט נאָך צו יונג.

נאָר אַז וועט ווערן עלטער, גרעסער,
דערמאָנען וועסטו זיך אָט די רייד, —
דאַן יעדער וואָרט וועט זיין אַ מעסער
געצויגן נאָרוואָס פונעם שייד.

1949

## קינות אויף חורבן ווילנע

(פראַגמענט)

אָפּגעמעקט איז אַלץ שוין דאָרטן,
די ישיבות און די קלויזן;
און מיין קליינער בלומען־גאָרטן
וואו געוואַקסן זיינען רויזן.
ביבליאָטעקן און חדרים,
אַלץ געטאָן האָט מען פאַרלענדן, —
קברים, קברים, קברים!
וואו איך זאָל זיך נאָר נים ווענדן,
וואו איך זאָל מיין בליק נים וואַרפן —
אַלץ שוין חרוב און פאַרשרפעט.

איצטער אין מיין קליינעם חדר,
צווישן ווענט פון האַלץ און דיקטן,
זע איך בילדער, הער איך ריידן.
דוכט: איך הער מיין רבינס ניגון.
פערל־טריפן זיינען ווערטער,
און ווי פייער ווערן אותיות:
„זיי פאַרמאָגן שאַרפע שווערדן,
מיר — אַ גאָט, אַ גאָט אַ גרויסן!"

— — — — — — — — — — — — — — — —

כ'זע מיין ברודער, כ'זע מיין שוועסטער,
ס'קומען אָן פאַר מיר געשטאַלטן —
שפּאַרן זיך דורך טיר און פענצטער.

ווער, חלילה, קאָן פאַרהאַלטן?
און מיין אַלטע, גוטע מאַמע
מיט די טרויעריקע אויגן,
וואו עס פלעמלען נאָך צוויי פלאַמען,
שטייט צעקנייטשט און איינגעבויגן:
„זעץ זיך, קינד מיינס, איצטער שבעה,
ס׳איז שוין קיינער ניט געבליבן...״

קיינער, גאָרנישט איז געבליבן,
נאָר אין מיר טוט אַלץ נאָך לעבן
אין מיין בלוט איז עס פאַרשריבן,
אין מיין פלייש, אין די געוועבן.
פונדאַסניי אַט איצט איך לייען, —
דאָס וואָס איך האָב לאַנג פאַרגעסן...
צינדן אָן זיך טעג, פאַרגייען,
צינדן אָן זיך און פאַרלעשן,
ביי די טשאַדיקע רואינען
קומען זיי צוריק אין זינען...

## קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

# אל חנון

אל חנון,
קלייב אויס אַן אַנדער פאָלק,
דערוויל.
מיר זיינען מיד פון שטאַרבן און געשטאָרבן,
מיר האָבן ניט קיין תפילות מער,
קלייב אויס אַן אַנדער פאָלק,
דערוויל,
מיר האָבן ניט קיין בלוט מער
אויף צו זיין אַ קרבן.
אַ מדבר איז געוואָרן אונדזער שטוב.
די ערד איז קאַרג פאַר אונדז אויף קברים,
נישטאָ קיין קינות מער פאַר אונדז,
נישטאָ קיין קלאָג-ליד
אין די אַלטע ספרים.

אל חנון,
הייליק אַן אַנדער לאַנד,
אַן אַנדער באַרג.
מיר האָבן אַלע פעלדער שוין און יעדן שטיין
מיט אַש, מיט הייליקן באַשאָטן.
מיט זקנים,
און מיט יונגע,
און מיט עופהלעך באַצאָלט
פאַר יעדן אות פון דיינע צען געבאָטן.

אל חנון,
הייב אויף דיין פייערדיקע ברעם,
און זע די פעלקער פון דער וועלט —
גיב זיי די נבואות און די יום-נוראים.
אין יעדן לשון פרעפלט מען דיין וואָרט —
לערן די מעשים זיי,
די וועגן פון נסיון.

אל חנון,
גיב פּראָסטע בגדים אונדז,
פון פאַסטעכער פּאַר שאָף,
פון שמידן ביי דעם האַמער,
פון וועש-וואַשער, פון פעל-שינדער,
און נאָך מער געמיינעס.
און נאָך איין חסד טו צו אונדז:
אל חנון,
נעם צו פון אונדז די שכינה פון גאונות.

## דער מלך דוד אַליין איז געבליבן

דאָס פֿאָלק איז פֿאַרשניטן —
וואונד און טויט.
די וועגן פֿאַרשאָטן,
די הייזער פֿאַרברענט.
דער מלך דוד אַליין איז געבליבן,
ער מיט דער קרוין אויף די הענט.

געשטאָרבן דער שאָל פֿון דעם האָרן.
דער לעצטער שטאָפּעט איז געפֿאַלן
וואונד און טויט.
עס רייסן קריעה אין הימל
פֿאַרשרפֿעטע, חרובע ווענט.
דער מלך דוד אַליין איז געבליבן,
ער מיט דער קרוין אויף די הענט.

עס הוילט דער ווינט אין צעשאָטענע נעסטן —
וואונד און טויט.
די לאָנקעס די גרינע פֿון קינדהייט,
לייב-און-ליב איז פֿאַרלענדט.
דער מלך דוד אַליין איז געבליבן,
ער מיט דער קרוין אויף די הענט.

דאָס לאַנד איז אַ קבר אָן קברים —
וואונד און טויט.
אַ וועג אָן איינציקער גרינט און איז פריש.
דער וועג צו זיין זון דעם משיח
וואָס דאָס פאָלק האָט פארטרוימט און צעשמט,
אַהין גייט דער אבל, דער מלך,
ער מיט דער קרוין אין די הענט.

ער טראָגט די פארהייליקטע ירושה —
וואונד און טויט.
— אָט איז דיין כתר, משיח.
אַלע פערל געשווינט, ניט פארשוועונדט.
אָט איז דיין כתר, משיח,
אויף די לעצטע צוויי יידישע הענט.

## טויטער שבת

(פראַגמענט)

עס קומען שאָטנס צו מיר ביינאַכט טויט־שבת ביטן.
די הענט פאַרקלעמט,
אויף רוקנס אויפגעלייגט —
די טמא וועלט ניט אָנרירן,
דעם טויטן שבת היטן, —
עס איז די וואָך,
דאָס לעבן —
און אַלע יום־טובן פאַרברענט.

די טירן דרייען זיך אויף שטיל געוואָרענע זאַוויסעס,
דאָס אייזן און דער זשאַווער זיינען גרינג.
אַלץ האָט די וואָג פאַרלאָרן נאָך מיליאָנען מיתות,
אַ טויטער שבת רוט,
און ערשטע אייביקייט ביז לעצטער זינקט.

די שאָטנס שוועבן דורך,
נאָר איינער האָט אַ ווײַלע זיך לעם מיר פאַרהאַלטן.
כ׳בין קליין געוואָרן, איינגעקלעמט
און צוגעקלעמט צום שוועבנדיקן ווײַ —
ביסטו, מיין ברודער, דו?
געזען כ׳האָב רויטע זוימען
אַרום זיינע אויגן־שפּאַלטן,
ניטאָ קיין תהום וואו איך זאָל פאַלן
באַהאַלטן זיך פון טויטער רו.

ווי גליקלעך כ׳בין אַמאָל געווען,
ווען ס׳איז מיט טרויער פול געווען מיין ברונעם,
און כ׳האָב פון לעבעדיקער נויט
געהערט אַ לעבעדיקן געוויין.
עס האָט געוואונדיקט און געהיילט מיין גומען,
מיין חלום און מיין וואָכן־טאָג באַגלייט.
דאָס הארץ האָט ווי געטאָן אויף וואָכעדיקע לאַטעס,
אויף פּיצלעך פרייד — אויף יום־טובדיקע שקראַבעס.
איצט האָב איך רו.
איצט רוט דער טויטער שבת.

— — — — — — — — — — — — — —

איצט האָב איך רו,
און טרערן האָבן ניט אויף וואָס צו פאַלן,
פון שטילקייט כ׳ווער דערשטיקט,
אַפילו אין דעם רעש פון טאָג,
אַפילו ווען טרומפּייטן שאַלן,
איך הער קיין יובל ניט אין זיי,
אַפילו ניט קיין קלאָג.

איצט איז רו.
פון שטילקייט כ׳ווער דערשטיקט,
אַפילו ווען די פייגל זינגען...
ס׳איז טויט די וועלט
מיט אַלע עולם הבאס.
איצט איז רו.
די רו פון טויטן שבת.

**איציק מאַנגער**

## צום בראַצלאַווערס „זיבעטן בעטלער"

זיבעטער בעטלער, פאַרענדיק די מעשה!
מיר זיינען די לעצטע הערער.
אַזויפיל יידן האָבן זיך ניט דערוואַרט,
צו וואָס-זשע וואַרטסטו מערער?

זיבעטער בעטלער, דו דרימלסט, דו שוויגסט,
און די וואָלקנס ווערן שווערער —
מיר וואַרטן, דערצייל, טאָמער ווערט צו שפּעט,
ווער וועלן זיין די הערער?

## ברוגז

ר' לוי יצחק אין טלית און תפילין
רירט זיך ניט פון אָרט.
ער שטייט פאַרן עמוד, דאָס סידור איז אָפן,
נאָר ער רעדט ניט אַרויס קיין וואָרט.

ער זעט אין זיין דמיון די בילדער פון געטאָ
די גסיסה, דעם צער, און דעם שפּאָט.
ער שווייגט פאַרעקשנט, דער אַלטער איז ברוגז
מיט זיין אַלטן גאָט.

# יתומים

די גאָלדענע פּאַווע און דאָס קלאָר-ווייסע ציגעלע
וויגן די ליידיקע וויגן.
נישטאָ מער דאָס הייליקע יאַנקעלע,
טאָ וויגט מען אָן אַ ניגון.

דאָס גאָלד פון דער פּאַווע איז אומעטיק גאָלד,
און דאָס ציגעלע דאָס פרומע —
בלענדט ווי טרויעריקער שניי — די צוויי
יתומים פון מיין אומה.

## מאַני לייב

# צו וועמען?

מיר האָבן לאַנג געוואַרט מיט תפילות אויף דיין קומען,
אַ שטילע עדה יידעלעך מיט פרומע בערד —
אָ, גואל, גוטער גואל אויף דיין ווייסן פערד! —
און ניט דערוואַרט. מיר זיינען אַלע אומגעקומען,

ווי צאָן קדושים אָן אַ ווידוי־וואָרט אַ שטומען,
אין בראַנד פון שונאס קאַלכאויוונס און שווערד.
און אונדזער מיסט און אַש האָט אונדזער מאַמע־ערד
איר גאָב אין די געדערים אירע צוגענומען.

נאָר מיך — אַ קליין, קליין יידעלע האָט אויסגעמיטן
דער קאַלכאויוון, זיין פייער און זיין בראַנד,
און ניט פאַרצערט מיט אַלעמען אין שאַנד,
און ניט דעם שונאס קאַלטע שווערד האָט מיך פאַרשניטן, —

צו זיין אַ זכר נאָר — דערמאָנען און פאַרשעמען:
— צו וועמען, גואל, וועסטו קומען היינט, צו וועמען?

# זיי...

זיי זיינען דאָרט, אוי, גאָט, געווען אַ סך, אַ סך,
אַזעלכע לעבעדיקע און אַזעלכע בראַווע,
אַזעלכע שטאָלצע, בערדיקע און קוטשעראַווע —
און מיט אַ וואונדערלעכער אויסטערלישער שפּראַך.

און זינגען פּלעגן זיי פון אונטער יעדן דאַך
אַזעלכע האָפּערדיקע לידער און טשיקאַווע:
פון מלך אלי־מלך און דער שיינער פּאַווע,
מיט מעביר־סדרה טראָפּ און צימבלען פון תנ״ך.

נאָר איבער זייער קאָפּ — די זון האָט נאָר געזען
די רויע גוואַלד, דעם קאַלטן מעסער ביים רוצח,
ווי ער איז איבער זיי אַראָפּ מיט ווילדן כוח,
און ס׳אַרא מערדעריי איז דאָרט געווען!

איצט זיינען זיי אַ זכר נאָר פון יענער גוואַלד:
אַ צוויי־דריי ביימער פון אַן אויסגעהאַקטן וואַלד.

## „ה ע ל ף!״

אלע פיינען פון דער וועלט
קומען מאָנען, רופן: „העלף!״
און איך בין אין מייןווינקל
קליין, אליין, פאַרלאָרן;
און טאָמער האָב איך נאָך
דאָס ביסל האָפּט פון וואָרט, —
איז דאָס וואָרט געשלאָגן
און שעמט זיך טרייסטן.

**א. סוצקעווער**

## ניינטע סימפאָניע

— ס׳נעמט אָנטייל אַ שטורמישער ים אין קאָנצערט...
— עס וויינען די פידלען מיט קלאַנגען צעגליטע...

נאָר איך האָב אין כוואַליקע פידלען דערהערט
אַ שטים פון דער ליטע:
— יידן, שטייט אויף צו דער שחיטה.

אַ פרוי... אירע אויגן — צוויי קינדער אין גרוב,
צעהוידעט אַ געסל און פויקט מיט דער דלאָניע,
ביים שפּראַץ פון דער זון, אין אַ קעלער, אַ שטוב,
(איך זע איר געשטאַלט אין דער ניינטער סימפאָניע):
— דער הימל האָט מער ניט קיין שליטה,
יידן, שטייט אויף צו דער שחיטה.

זאָל זיין אַז משיח אַליין איז דאָס קול.
זיי ווילן ניט אויפשטיין: דערבאַרעם זיך, ניטע!
עס פאַלן די פידלען און ס׳פאַלט מיט אַ מאָל
דער הימל, וואָס האָט ניט קיין שליטה.
פאַרברענט איז די צונג, נאָר געבליבן אַ קול,
אַ שטים פון דער ליטע — — —

# בלויז רויכן, רויכן, שוועבעדיקע רויכן

(פון דער פּאָעמע „רויכן פון יידישע קינדער“).

בלויז רויכן, רויכן שוועבעדיקע רויכן,
די טויטע קינדער — לעבעדיקע רויכן.

זיי רופן: מאַמע, מאַמע! פון די רויכן,
די גאַנצע פּאַנאָראַמע איז אין רויכן.

די ליאַלקעס און די בייגל זיינען רויכן.
און איבער זיי די פייגל זיינען רויכן.

די טויטע קינדער הילן זיך אין רויכן,
די טויטע קינדער שפּילן זיך אין רויכן.

## שפילצייג

דיינע שפילצייג, מיין קינד, האַלט זיי טייער,
דיינע שפילצייג נאָך קלענער ווי דו.
און ביינאַכט, ווען ס׳גייט שלאָפן דאָס פייער, —
מיט די שטערן פון בוים דעק זיי צו.

לאָז דעם גאָלדענעם פערדעלע נאַשן
די פאַרוואָלקנטע זיסקייט פון גראָז.
און דעם יינגל טו אָן די קאַמאַשן
ווען דער אָדלער פון ים גיט אַ בלאָז.

און דיין ליאַלקע טו אָן אַ פּאַנאַמע,
און אַ גלעקעלע גיב איר אין האַנט.
ווייל ס׳האָט קיינער פון זיי ניט קיין מאַמע,
און זיי וויינען צו גאָט ביי דער וואַנט.

האָב זיי ליב, דיינע קליינע בת-מלכּהס,
איך געדענק אַזאַ טאָג — וויי און ווינד:
זיבן געסלעך און אַלע מיט ליאַלקעס
און די שטאָט איז געווען אָן אַ קינד.

# די לערערין מירע

מיט לאַטעס אויף לייבער, צעשניטן אין פּאַסן,
מען טרייבט אונדז אין געטאָ. עס גייען די גאַסן.
די הייזער באַגלייטן אויף אייביק געזעגנט,
און שטיינערדיק ווערט יעדער גזירה באַגעגנט.

אין תּפֿילין, ווי קרוינען, מאַרשירן די זקנים,
אַ קעלבעלע גייט מיט אַ דאָרפֿס־ייִד אין איינעם.
אַ פֿרוי שלעפּט אַ גוסס, פֿאַרקלעמט אין די נעגל,
אַ צווייטער — אַ בינטעלע האָלץ אויף אַ וועגל.

און צווישן זיי אַלע — די לערערין מירע,
אַ קינד אויף איר אָרעם — אַ גילדענע לירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם, ביים הענטל אַ צווייטן,
אַרום די תּלמידים, באַגלייטן, באַגלייטן.

און קומט מען צו ייִדישער גאַס — איז אַ טויער,
נאָך וואָרעם דאָס האָלץ ווי אַ קערפּער אַ רויער.
און גלייך ווי אַ שליוז פֿאַר געטריבענע שטראָמען,
ער טוט זיך אַן עפֿן, פֿאַרשלינגט אין די תּהומען.

מען יאָגט איבער חורבֿות אָן ברויט און אָן פֿייער,
דאָס ברויט איז אַ בוך, און דאָס ליכט איז אַ בלייער.
פֿאַרזאַמלט די קינדער אין חרובֿער דירה,
עס לערנט זיי ווייטער די לערערין מירע.

זי לייענט זיי שלום עליכמס אַ מעשה,
עס פֿינקלען די קינדער און לאַכן בעת־מעשה.
זי פֿלעכט זיי מיט בלויאינקע סטענגעס די צעפּלעך
און ציילט איר פֿאַרמעג: הונדערט דרייסיק די קעפּלעך.

צוגלייך מיט דער זון איז די לערערין מירע
שוין וואַך און זי וואַרט אויף די קינדערלעך אירע.
זיי קומען. זי ציילט. אַ, ניט ציילן זיי בעסער! —
דורך נאַכט האָט דאָ צוואַנציק פֿאַרשניטן אַ מעסער.

איר הויט ווערט אַ שויב אין פֿאַרנאַכטיקע פֿלעקן,
נאָר ס׳טאָר זיי ניט מירע די קינדער אַנטפּלעקן.
פֿאַרבייסט זי אַ ליפּ און מיט גבורה באַנייטער
דערציילט זי פֿון לעקערטן, מונטערט זיי ווייטער.

דורך נאַכט האָט אַ גרויקייט באַצויגן די הייפֿן,
און גרוי ווערט דער לערערינס האָר אויף די שלייפֿן:
זי זוכט אינעם קעלער איר מאַמען דער בלינדער —
צוזאַמען מיט איר פֿעלן זיבעצן קינדער.

ווען זון האָט די בלוטן געטריקנט, האָט מירע
באַהאַנגען מיט גרינס די פֿאַריתומטע דירה;
— געקומען דער לערער גערשטיין, מען וועט זינגען,
דער כאָר זאָל אַריבער די טויערן קלינגען...

שוין קלינגט עס: „ניט ווייט איז דער פרילינג..." נאָר אונטן —
די העק און באַגנעטן צעטרייסלען די גרונטן.
מען שלעפּט פאַר די האָר פון די קעלערס און לעכער.
„ניט ווייט איז דער פרילינג" פאַרקלינגט איבער העכער.

שוין זעכציק פאַרבליבן אָן שוועסטער, אָן מאַמען —
די לערערין מירע איז אַלע צוזאַמען.
ס'איז נאָענט אַ יום-טוב, איז טייבעלעך, קינדער,
אַ פאָרשטעלונג דאַרף מען באַווייזן, געשווינדער!

צום יום-טוב — ניטאָ מער ווי פערציק... נאָר איטלעך
מיט ווייסינקן העמדל, מיט ליכטיקע טריטלעך.
די בינע איז פריש, מיט אַ זון, מיט אַ גאָרטן,
מען קען אַזש אין טייכל זיך אויסבאָדן דאָרטן.

ביים לייענען פרצעס דריטע מתנה
האָט אונטערגעזעגט דאָס געביי די סכנה.
זיי האָבן געכאַפּט! און פאַרטאָג איז געבליבן
פון הונדערט מיט דרייסיק בלויז מירע און זיבן.

אַזוי, ביז די האַק האָט צעשפּאָלטן דעם זינען,
איז מירע אַ בלום און די קינדערלעך — בינען.
שוין גרוי איז די בלום און פאַרוועלקט אירע גלידער
נאָר מאָרגן אין טוי וועט זי אויפבליען ווידער.

מאַי 1943, אין ווילנער געטאָ.

י. י. סיגאַל

# אויף זייער קאָפּ

(פון בוך „לעצטע לידער")

מאַך אַש פון זייער ערד, אָ, גאָט,
און ווען זיי וועלן זייען ווייץ און קאָרן,
זאָל פון איר גרויען, טרוקענעם טראַכט
אַרויסקריכן אַ בלינדער דאָרן.

פאַריאָג ס'געפליגל פון זייער בוים,
אַ קראָ נאָר זאָל צופליען־קומען
און אומקרייזן אַרום זיין קאָפּ,
אין זיבן שוואַרצע קרייצן קרומע,

און אָפּדאָרן וועלן פרוכט און בלאַט,
און ס'וועלן שטאַרן זיינע צווייגן,
ווי טויטע גליווערדיקע הענט,
און שפּרייטן וויסט און פינצטער שווייגן,

אַריבער זייער דאַך און היים,
אויף זייער גיין און שטיין און שאָטן.
אַ קבר מאַך פון זייער טאָג,
אַ גרוב מיט טויטע — ניט פאַרשאָטן.

און ביי דעם טויער פון זייער לאַנד
זאָל שטיין דער שטן און זאָל היטן:
אַ גרענעץ — זייער וועלט זאָל זיין
פון אַלע וועלטן אָפּגעשניטן.

## אַ ייד איז געקומען...

אַ ייד איז געקומען קיין ארץ ישראל
און געבראַכט אַ ציג פון רייסן.
דאָס הייסט אַ ציג פון דעם פינצטערן גלות,
נאָר די ציג איז אַ קלאָרע, אַ ווייסע.

א מעשה נורא, אַ מעשה נפלא
מיטן יידן, גם כן מיט דער קאָזע.
(איך ווייס: אין אַזאַ מין שעה און ענין
איז מיין שמייכל אַ טרויעריקע העזה)

נו, זייט־זשע מוחל, מיר גייען ווייטער:
דער ייד האָט געקלעפּט צו דער חיה,
געגאַנגען מיט איר אין תל אביבער גאַסן
צו חתונות און צו לוויהס.

וויל נסים ונפלאות האָט ער צו דערציילן,
ווי זי האָט מיט אים מיטגעוואָגלט,
און אַלע פּורעניותן וואָס ער איז אויסגעשטאַנען
האָבן אויך איבער איר קאָפּ געהאָגלט.

וואו האָט זי זיך שוין נים אויסגעוואַלגערט?
אין מיידאַנעק, אַשוויענטשים, טרעבלינקע.
געגעסן מיט אים פון די מיסטן די שאַלעכץ,
מיט צער פון זיין פנים פאַרטרונקען.

נישט איינמאָל איז זי שוין פאַרפאַלן געוואָרן
דורך וואַלד און דורך פעלדער וויסטע,
געגעכטיקט אין גריבער, אין אַנגסט פונעם חלום
גערופן, געבעטן: וואו ביסטו?

האָט אַלץ פאַרלוירן, האָט אַלע פאַרלוירן,
און זי האָט זיך נאָך צוגעהאַלטן.
אַ ציג אַ ווייסע איז נאָכגעגאַנגען
נאָך די טריט פון אַ יידן אַן אַלטן.

טויזנט און איין נאַכט, טויזנט און צוויי נעכט,
צי אַפילו הונדערט הגדהס.
אַ ספר ממש אָנצושרייבן
מיט מעשיות און ווייסע אָדעס.

צופיל צו דערציילן, צופיל צו פאַרשוויגן,
צו שווער צו דערטראָגן, נו מילא.
איז לאָמיר נאָר בעטן, דער צער פון ישראל
זאָל גאָר זיך בקרוב פאַרהיילן.

## ז. סעגאַלאָוויטש

### פאַר וועמען ביסטו גאָט?

אַ פאָלק, כמעט אַ פאָלק אין איין לוויה,
אַ שותּפות־גרוב פאַר יעדער שטאָט.
איך ווייס ניט ווי און ווייס ניט וואו צו שרייען.
אַ גאָט, פאַר וועמען ביסטו גאָט?

דיין שעכט־הויז־וועלט איז שוין מיט בלוט פאַרגאָסן,
מיט אונדזער בלוט צום הימלס שפּאָט...
מיין האַרץ אָבער האָסטו נאָך ניט פאַרשלאָסן...
אַ גאָט, פאַר וועמען ביסטו גאָט?

### נישטאָ

(פראַגמענט)

אין פענצטער קעגנאיבער מיינעם
האָב איך געזען פאַרשטיקטן דלות,
געהערט פיל תּפילות און הושענות,
געזען דעם שוועב פון ווייסן טלית.
מיין שמאָלע געסל נאָוואָליפּיע —
דו זיגלסט אומקום אין מיין זינען —
איך וואָלט זיך אויפן קול צעכליפּעט,
ווען איך דערזע דיינע רואינען.

די רעשטלעך פון די פוסטע היימען,
אַ וואַנט, אַ בלייבעכץ פון אַ מויער,
אַ טיר, אַ טרעפּ, אַ שוואַרצער קוימען —
דאָס אַלץ וועט אויסהויכן אין טרויער.
דער ווינט אַליין וועט בענקען, וואָיען
און קלאַפּן, טאַפּן ווי אַ בלינדער:
וואו זיינען זיי די אַלטע גרויע?
וואו זיינען זיי די מחנות קינדער?
דו וועקסט מיך אויף באַנאַכט מיט צאָרן
מיט לעצטן קרעכץ און לעצטן כריפּע...
פאַרשווידערסט מיינע אַלטע יאָרן —
מיין שמאָלע געסל נאַוואַליפּיע.

## דער טאָג דיינער איז ווי אַ תליה

דער טאָג דיינער איז ווי אַ תליה,
דער טאָג איז דיין תליון דער בייזער,
דו ווערגסט זיך און צאַפּלסט ביז שקיעה
און נאַכט איז אַ קורצע דערלייזונג.
מען לעבט נאָך... פאַרפּלוכט ווי מיר זיינען,
נאָר הארץ איז צעריסן, צעשונדן.
מען לעבט... און די שטערן זיי שיינען.
פאַר וועמען האָט גאָט זיי געצונדן?
פאַר מיינע פאַרמאַטערטע בליקן,

וואָס קאָנען די וועלט ניט פאַרנעמען,
פאַר מיינע יסורים, פאַר חניקה...
פאַר וועמען די שיינקייט, פאַר וועמען?
פאַר וועמען דער הייליקער ציטער?
דאָס שווייגן צעווישן די שטערן,
פאַרוואָס זאָל ניט זיין אַ געוויטער?
פאַרוואָס זאָל אַ מבול ניט ווערן?
פאַרוואָס זאָל נאַטור מיט איר כוח
ניט אויסוואָרצלען מענטש ביז די שטאַמען,
אַז בלייבן זאָל תהו ובהו...
בלויז שטיינער, בלויז פעלדז און בלויז ימען.

# אָ, קינדער! קינדערשע געשטאַלטן...

(פראַגמענט פון דער פּאָעמע „נישטאָ")

אָ, קינדער! קינדערשע געשטאַלטן...
וואָס זאָל איך צער נאָך העכער שטייגן?
איך קאָן זיך ניט פון זיך באַהאַלטן —
ניט אין מיין ליד, און ניט אין שווייגן...
איך טראָג מיין אָפּגעלעבטן לעבן,
איך טראָג עס ווי אַ שוואַרצע מטה...
דאָס הייליקסטע פון ליכט און לעבן,
אָ, קינדערלעך פון פּוילן, ליטע,
פון מונקאַטש-אונגאַרן געבראַכטע,
פון ווין, פון יעדער יידיש עדה
אין וויסטע וועגענער פאַרמאַכטע
געפירט, געשלעפּט צו דער עקדה.
די נאַכט האָט זיי געזען אין פירן,
האַלב-נאַקעטע, דאָס לייב צעריסן...
פון פּחד-שרעק, פון קעלט און פרירן —
די פינגער האָבן זיי געביסן.
די אויגן האָבן זיי געעפנט,
געקוקט, געקוקט אויף פרעמדע סטעפּן,
עס האָט פאַרחלשט און פאַרשלעפּערט,
און וואו? וואו וועט מען זיי פאַרשלעפּן?

פאַרשטיקטע נאַכט פון קינדער-מאָרדן!
דיין חושך איז נישט דורכצושטעכן,
דיין קעלט, די וויסטע קעלט פון נאָרדן...

אָ, נאַכט פון גיהנום און פאַרברעכן!
צי דאָס האָט מענטש מיט שוואַרץ געוויסן
דיך שוואַרץ געמאַכט אין אַלע עקן,
צי דו האָסט זיך אַריינגעריסן
אין מענטש מיט דיינע שוואַרצע פלעקן?
אַ שוואַרצער קייט אויף דיינע שטערן
אַ שוואַרצער בראָך אויף דיין לבנה...
איך וואָלט דיך שעלטן וועלן מערער,
נאָר וואָרט איז קנאַפּ פאַר מיין כוונה.
דו זאָלסט פון זיך אַליין צעפוילן
און מיטשלעפּן דעם טאָג געשווינדער.
דעם טאָג וואָס זעט די אַלע גרוילן
און גייט אַריבער ווי אַ בלינדער.
ווען איך וואָלט קאָנען אַלץ פאַרברענען
צוזאַמען מיט מיין גליאיק קלעמען...
פאַר איינס אַ קינד ווען איך וואָלט קאָנען
פאַר איינס אַ קינד כאָטש ראַכע נעמען...

— — — — — — — — — — — —

עס ברענגט דער ווינט די אַלע שרעקן
און חזרט איבער ווידער, ווידער...
איך קאָן דעם אָפּגרונט ניט פאַרדעקן,
כאָטש נעם דעם טויט און פאַל אַנידער.

**ישראל עמיאָט**

## אויפן געטאָ־פּלאַץ אין וואַרשע

און כ׳מוז אַוודאי זיין דאָך מגושמדיק גראָב,
אַז עס פֿאַלט ניט דער הימל מיט זבענק מיר אין קאָפּ,
און כ׳זע אַזוי איידל זיין בלאָ אין דער הויך,
און די ליניע די שלאַנקע, פֿון קוימען דעם רויך,
און כ׳באַוואונדער דאָס שיפֿן אין לופֿט פֿון דער טויב
און דעם יום־טוב דעם שטילן פֿון פֿאָרהאַנג און שויב.

און כ׳מוז אַוודאי זיין דאָך מגושמדיק גראָב,
אַז דער רעגן, ער פֿאַלט ניט ווי שטיינער אַראָפּ,
אַז כ׳קאָן דאָ שפּאַצירן, אַז כ׳קאָן דאָ נאָך גיין,
און כ׳גליטש זיך ניט אויס אויף יעדערן שטיין,
וואָס איז פֿול מיט געוויין, מיט בלוט און געביין.

1957

# אין היים־שטעטל

אויסגעוועזן אַ וועלט, אַ וועלט אַ גאַנצע
און צו דיר ערשט צוריקגעקומען;
בענקען יידן צוויי אין שטעטל
נאָך אַ דריטן צום מזומן.

בין איך דאָ ערשט. ליבע יידן,
אויפן חורבן פון דעם בנין,
ס׳פעלן אַלץ נאָך גאַנצע זיבן
פון צענטויזנט צו אַ מנין.

און ס׳איז האַרבסט שוין, געלן בלעטער,
מיין געזיכט פון צער איז געלער,
זאָגן קינות? וויינען איכה?
מאַכן תשעה באב אין אלול?

אַוודאי רופט ערשט ניט צו סליחות
דאָס געקלאַנג פון קלויסטער-גלאָקן,
האָבן פון מיין אימה־שוויגן
אַלע פייגל זיך דערשראָקן.

שטייען אויפן מאַרק דריי יידן,
און פון וויימיק אַלע שטומע,
פון אַן עדה אַזאַ גרויסע
אַ געבליבענער מזומן.

י. פאַפּיערניקאָוו

## אין טרויער

איך האָב דאָס געפיל ווי כ'וואָלט איינער געבליבן
נאָך מיינע געשטאָרבענע ברידער און שוועסטער
ווען ס'האָט צו דער שחיטה — אין געטאָס פאַרטריבן
דער ברוינער עמלק, דער אכזר דער גרעסטער;

דער אכזר, וואָס איז אין זיין חיהשקייט ווידער
דעם פינצטערסטן בלוטיקסטן עבר מחדש;
און כ'האָב דאָס געפיל ווי איך וואָלט מיט די לידער
פון חורבן — געזאָגט נאָך מיליאָנען איצט קדיש.

## מיין ברענענדיקע וועלט

מיין וועלט — זי ברענט שוין ברענט —
אין בלוט פון מיינע וואונדן —
ווי פון שקיעהס אָנגעצונדן.
וואו אַ טראָט — געפין איך מיך אין פלאַמען.
אַלע וועגן האָט דאָס פייער שוין פאַרכאַפּט,
פון העכסטער הויך — די טיפסטע טיפעניש דערטאַפּט,
און ס'ברענען שוין די וואָרצלען פון די שטאַמען —
אין געדיכטן וואַלד פון מיין צעצווייגטן אומעט.

ס'ברענט —
די שריפה שפּאַרט אַרויס פון מיינע אויגן —
רויכערן זיי, פלאַצן בראַנדיק, ווי די שויבן
פון מיינע קודשי־קדשים — ווענט,
וואָס רוקן זיך פאַנאַנדער,
און צעפאַלן זיך אויף בערג צעברענטע ציגל
און פאַרשיטן אַלע איינגענג
און אַרויסגאַנג־טרעפּ און טרעפּלעך...

ס'ברענט —
און פון דער האַרץ־נעסט מיינער רייסן זיך
און פּרואוון אין צעשראָקענער בהלה זיך צו הויבן —
האַלב פאַרשרפעטע, פאַרסמאַליעטע,
מיט ברענענדיקע פליגל
און מיט שוואַרצע שנעבעלעך
און אָפּגעזענקטע קעפּלעך —
מיינע שניי־ווייסע און צאַרטע חלום־טויבן.

**הייב לייב פוקס**

## געבעט אין 1942

גאָט פון ערשטער פינצטערניש, פון אין־סוף,
דערהער מיך. מיין פאָלק, ווי די שאָף
גייט אין אימהדיקן שלאָף
צו דיר!

באַריר
מיט דיין מינדעסטן שאָטן די זון,
און זאָל פלייצן חושך אַרום און אַרום
און זיין זאָל אַלעס טויט און שטום!

ריים אָוועק די ערד פון אונטער די טריט,
ווי ס'רייסט זיך דאָס לעבן איצט פון אַ ייד...

דעק צו דאָס ליכט. עס דאַרף עס איצט קיינער.
דו ביסט געווען. זיי ווידער אַליין נאָר,
און דיינע געוויינען
קענסטו זען דאָך אין דער פינצטער...

# יזכור

געדענק זיי גאָט, אַזוי ווי זיי האָבן אין דיר געדענקט,
אַזוי ווי זיי האָבן צו דיר געבענקט
יעדע מינוט פון זייער טאָג, וואָס איז געווען נאַכט,
יעדע רגע פון זייער לעבן, וואָס איז געווען טויט.
און אויפן טויטס לעצטע טרעפּ,
די פאַרפּייניקטע, פאַרבלוטיקטע קעפּ
זיי האָבן צו דיר, צו דיר געהויבן —
זיי דיר פאַרטרויט.

געדענק זיי, גאָט,
די אַלע קינדערס לעצטן אויגן־בליץ,
ווען ס'האָט זייער בלוט געשפּריצט
אויף שטיינער,
און ס'האָט דער חלף צעשניטן אויף צוויי
דאָס וואָרט מאַמע אויף מאַ...
צו דיר, צו דיר אַליין נאָר,
ווי ס'וואָלט דער וויי
געשריען: שמע!

אָ, גאָט, מיין גאָט!
דו, וואָס קיין שום זאַך דו פאַרגעסט נישט,
פאַרלעש נישט
די לעצטע טרער פון מיין מאַמען אין יענע טעג,

ווען זי איז אַרויס צום לעצטן, לעצטן וועג,
און ס'איז צו דיר געווען געווענדט
איר לעצטער טרוים.

ביי מיר אין האַרץ איר ליכט עס ברענט
און כ'בעט ביי דיר מיט ציטערדיקע הענט:
דאָס בלוט פון אונדזער פאָלק —
יזכור,
נקום!

**יעקב פרידמאַן**

## דער מקובל פון טלויז

(פראַגמענטן פון דער פּאָעמע „יונתן")

...די שטילקייטן אין די סעדער,
רוישן ווי וואַסערן ערב בראשית.
איבער די כוואַליעס שווימט די שטערן־קאַטש,
גאָט זיצט אין איר און האַלט די לייצעס.
— גאָט, שרייט יונתן, וואוהין פירסטו די שטערן־קאַטש, וואוהין?
גאָט ענטפערט ניט... נאָר אין געדיכטעניש פון ביימערדיקן גרין
ציטערט אויף אַ שאָטן. דער שאָטן ווערט נענטער און גרויס.
און יונתן דערקענט: ס'איז דער זיידע זיינער,
דער מקובל פון טלויז.

— זיידע, רופט יונתן, זיידע! און דער ווייסינקער אַלטער
שפּאַנט מיטן בערדיקן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,
און אין די אויסגעשטרעקטע הענט האַלט ער
אַ קעסטעלע פון פּימסנהאָלץ...

שרייט יונתן: זיידע, וואָס טראָגסטו דאָרט, זיידע?
עפנט דער זקן די אויגן: מיינע קינדערלעך טראָג איך,
מיינע זינדעלעך צו דער עקדה...

— וואָסער עקדה, זיידע? וואָסער עקדה?

כליפּעט דער זקן: ווייסט ניט, מיין אייניק?
גאָט האָט אָנגעצונדן זיין קאַלכאויוון
איבער דער ערד פון מיידאַנעק,

טראָג איך אַהין מײַנע זין,
פֿון גאַנץ קרוין־פּוילן ציִען ייִדן אַהין
צו גאָטס קאַלכאַוויון, איבער אַלע וועגן און שטראָזן.

ווייל זיך יונתן אויפהויבן און גיין מיט אַלעמען,
ווערן זײַנע פיס פאַרפלאָכטן מיט די גראָזן.
ווייל ער שטרעקן זײַנע הענט — ווערן זיי פאַרקאָרעט מיט די ביימער.
שרײַט יונתן: זע, זיידע, די סעדער
לאָזן ניט אַרויס זייער שומר,
איך דאַרף בלייבן, זיידע, דאָ און היטן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער מקובל פֿון טלויז פלעגט אַזוי זאָגן:
די קרוין פון רחמים דאַרף מען דורך אַלע נסיונות
אַ לויטערע דערטראָגן,
און אויב אין יעדער דור דאַרף בלוט זיך גיסן, באַשאַפער,
הער־זשע, פאַרנעם מײַן תּפילה:
זאָל בעסער מײַן בלוט זײַן דאָס פאַרגאָסענע
איידער איך זאָל זײַן דער פאַרגיסער, חלילה.
אַזוי האָט דער טלויזער מקובל געטאָן זאָגן,
און דאָס קעסטעלע פון פימסנהאָלץ אַוועקגעטראָגן,
צו גאָטס קאַלכאַוויון...
יונתן פאַרמאַכט די אויגן
און זעט: ער שפּאַנט אַ ליכטיקער, דער זיידע,
דורך יאָרטויזנטער שפּאַנט ער
צו דער אייביקער עקדה.

זיידע! כליפעט יונתן, זיידע!
און אויף אייניקלעך לייבלעכע איז ניט שייך רחמנות?

ער עפנט ווידער די אויגן: אין דער נאַכט צינדן זיך קלייניקע לבנות.

## אין געטאָ צו מנחה

דער ייד אין געטאָ צו מנחה,
בין איך ניט דער ייד דאָ, וואָס שפּאַנט?
ס׳איז איך... און אפשר מיין זיידע,
אַמאָל נאָך אין שפּאַנישן לאַנד?

די שקיעה ברענט אַלץ, ווי אַ שייטער,
און פול מיט תליות — די ערד.
איך שפּאַן איצט אַדורכן געטאָ
מיט טויזנטער זילבערנע בערד.

זיידעס, און זיידעס, און זיידעס,
סע מישן זיך דורות און שטעט,
און גלייך ווי ביי הונדערטער דורות
איז מיין האַלדז צום חלף געגרייט.

און איך, ווער בין איך אַצינדער?
ניט מיין זיידע אין שפּאַנישן לאַנד?
דער תלמיד־חכם משה באַרנאַלעס
איבער גאַסן טאָלעדער ער שפּאַנט.

ער שפּאַנט דער זיידעניו מייַנער,
אין פּלפּול אַ האַרבן פאַרמוטשט:
„וואָס־זשע מיינט ער דער מדרש תנחומא?״
און ער ציט פון דער ליולקע דעם רויך.

„טיף די הלכה, ווי אַ ים איז זי טיף,
און פאַרפלאָנטערט דיינע דרכים, באַשעפער".
ער פּיפּקעט די ליולקע און פּלוצעם ער זעט
דורכן געטאָ יאָגט עס אַ רייטער.

אַ רייטער באַוואָפנט אויף שוימיקן פערד.
זיין קוק איז ווילד און צעגליט.
און זיין קול איבער געטאָ ס'דונערט:
„שטעל אָפּ זיך, פאַרשאָלטענער ייד!"

בלייב איך שטיין אין דער שקיעה און כ'ציטער
און סע דונערט ביים רייטער דאָס קול:
„ווי הייסטו? קרייץ־דאָנערוועטער!"
און איך ענטפער: משה באַרנאָל!

משה באַרנאָלעס פון שפּאַניע.
לאַכט ער, ער לאַכט דער דייטש:
„סע גלוסט דיר שפּאַסן, יודאַ?"
און ער הויבט דערצערנט די בייטש.

בייג איך אין דרייען מיין רוקן,
ווי פון דורות געוווינט איז מיין שטאַם,
און די שקיעה איבער שטילינקן געטאָ
איז אַ שייטער אין פלאַמיקן ים.

שייטערס און שייטערס, און שייטערס,
איז וואָסער חילוק דאָס אָרט און דער ווען?
ס׳גייען דורות אַלץ ווייטער און ווייטער
דורך יאָרטוויזנטער אויף קידוש השם.

דורות און דורות, און דורות,
יום-הקדושדיק יעדנס געזיכט...
אין הימל צינדן אָן זיך די מנורות,
און די מאַמע רחל גייט בענטשן די ליכט.

(טראנסניסטרע, 1943)

**גבריאל פרייל**

## פון פאַרפייניקטע אַ נייע תפילה

מענטשן פאַרפייניקטע אויף וועגן פון צפון און דרום,
פאַרוואָרפענע אין ווילד-וועלדער וואָס פאַרטונקלען זון,
פאַרשטייען מער ניט די דינע באַוועגונגען פון דעם קאָמפּאַס,
דעם גאַנג פון נאַרישע שעהן אויפן ציפערבלאַט,
צייט איז שטאַר און קאַלט געבליבן שטיין.

בלויז איין תפילה איז נאָך ביי זיי פאַראַן,
בלויז איר שיקן זיי פון טיפענישן:
בילן ווי אַ הונט לערן אונדז,
זיין שפּראַך איז אַזוי איידל-זינגעוודיק,
אויך דערבאַרעמדיק איז נאָך זיין האַרץ.
לערן אונדז גיין אויף אַלע פיר:
די אַנדערע טראָגן אין זיך
גזר פון טויט.
אַ האַריקע פעל אונדז טו אָן:
פאַרשאָלטן זאָל ווערן דאָס זייד
וואָס קאָן נאַקעטע פאַלשקייט ניט פאַרדעקן.

מענטשן פאַרפייניקטע אויף וועגן פון צפון און דרום...

1943

**אהרן צייטלין**

## אני מאמין

זאָל איך גלויבן אין שפּינאָזאַס געאָמעטערדיקן גאָט,
אַ גאָט וואָס קאָן נישט ענדערן זיין אייגענעם באַשאַף,
אַ גאָט, וואָס איז ביים אייגענעם געזעץ
אַ נעבעכדיקער שקלאַף,
אַ גאָט אָן גרוילן און אָן נסים, אַ גאָט אַ קאַלטער אַפּיקורס,
אַ וויטער פעטער, וואָס וויל מיך נישט קענען,
וואָס פון זיינעטוועגן מעג איך ברענען
אויף אַלע פייערן עד סוף כל הדורות?
אַ גאָט אַ בעל־חשבון, וואָס ווען איך פאַרגיי
גרייכט נישט צו אים מיין געשריי;
אַ גאָט וואָס זיינע מלאכים זיינען ציפערן;
אַ גאָט וואָס איידער אין אים
וואָלט איך ליבערשט געגלויבט אין לוציפערן?

צי אפשר זאָל איך גלויבן אין דעם אויסלייזער, וואָס לייזט
נישט אויס,
דעם אויסגעטראַכטן גאָט וואָס באַמבלט זיך אויף אַלע צלמים,
דער עבודה־זרה, וואָס פאַרגיט פאַרוים
גילוי עריות און שפיכת דמים?
זאָל איך גלויבן אין דעם גאָט פון קלויסטערדיקע גלעקער,
וואָס די פינצטערע פאַנטאַזיע פון סאַדיסטן
האָט אויסגעבלוטיקט אים אומיסטן,
כדי צו פייניקן מיין אמת מיט זיין שקר?

נישט די לעגענדע פון דעם גאָט, וואָס איז געוואָרן מענטש,
נישט די בלוט-מעשה פון דעם געשלאַכטן, —
נישט דאָס איז וועלט-זינד און נישט דאָס איז העכסטער סוד
פון אָט דעם עולם התחתון.
אָן אמת וויים איך וואָס איז זעקס מיליאָן גרויליקער
און זעקס מיליאָן מאָל סודיקער: די וואָר וועגן דעם טייוול,
וואָס איז געוואָרן מענטש, געווען מיט אונדז דאָ אויף דער ערד,
געווען געזען, געווען געהערט,
און — געשלאַכט אַ פאָלק, פאַרקוילט עס און פאַרגאַזט עס!
די בעלעטריסטישע מיסטעריע פון דעם קריסט —
וואָס איז זי קעגן אָט דעם סוד, וואָס איז געשען בפשטות?

אָ, די כלומרשטיקע געטער!
זיי — און די אַנדערע, שאַטנס, די איזמען!
פוסטער ווי תמיד קלינגט מיר זייער פזמון
אצינד, נאָכן צעשמעטער.
און וועמען קאָן איך גלויבן,
אַז נישט אים, מיין לעבעדיקן גאָט פון קאַטאַקליזמען;
פון אָפענע נקמות און באַהאַלטענע נחמות?
וואָס מען איז — דאָס איז מען:
כ'בין אַ ייד, ווי ער איז גאָט.

האָב איך דען אַ ברירה נישט צו גלייבן
אין יענעם לעבעדיקן גאָט, וואָס טויט מיך צוליב צוועקן,
וואָס כ'קאָן זיי נישט אַנטדעקן,
און נאָכדעם ווי ער מאַכט מיין לייב צו אַש —
נעמט ער מיך ווידער וועקן?

און ווען איך שטורעם קעגן אים און בונט, —
איז ער דער וואָס בלוטיקט אין מיין וואונד,
און מיינע וויי-געשרייען זיינען זיינע שבחים.
נישט ווילנדיק באַשטעטיקט אים מיין פיין:
ווער וועט זיך בונטעווען אַנטקעגן בלייכע ו י י ז ן?
און ווער וועט ברויזן
אַנטקעגן דעם נישט-זייענדיקן זיין
פון אַ שפינאָזאַ-גאָט אַ נישט-שלעכטן און נישט-גוטן,
וואָס שלאָפט באַרוט אין שטאַרע אַטריבוטן?

און נאָך אַמאָל און ווידער:
אַפילו איצט — צי האָב איך דען אַ ברירה
נישט צו גלויבן אין דעם גאָט פון תהילים און פון סידור,
אַז נאָר צו אים אַליין, צו אים אַליין
קאָן איך שרייען דאָס געשריי פון אַלע מיינע גלידער?
דווקא ווייל ער לעבט און ווייל ער וויל,
ווייל ער שלאָפט נישט אין געזעץ דעם שטייפן,
קאָן איך זיינע מעשים נישט באַגרייפן —
און מיין נישט-באַגרייפן איז אַ ראיה, אַז ער א י ז.
ס'ליגט מיין אַש צו זיינע פיס.

אני מאמין — איך גלייב, אַז דאָס גיט ער
מיר גיהנומס נישט געדאַכטע,
ווייל ערגעץ היט ער
נישט געדאַכטע גן-עדנס פאַר זיינע געשלאַכטע.

אני מאמין — איך גלייב:
מיט מיר צוזאַמעןליידט ער.
שריי איך קעגן אים —
מיט מיר צוזאַמען שרייט ער.
ער וויל מיך לייטערן אַ גרויס געלייטער.
ער, וואָס הייסט דעם משחית אָנצינדן מיין שייטער,
וויל מיך לוינען און באַקרוינען
מיט די פינקלדיקסטע כתרים.
ער וועט מיך הייבן איבער אַלע זיינע שרים
פון וועגן מיין גלייבן אין אים אַפילו
נאָך מיליאָנען עקדות
פון טאַטעס אייניקלעך און זיידעס,
עקדות אָן אַ מלאך, אָן ווידער.

דער גאָט דער אומבאַגרייפלעכער פון תהילים
מאַכט, עס זאָל נאַכט ווערן,
און לאָזט מיך געשלאַכט ווערן;
דערנאָך הייסט ער אויפשטיין ווידער.
— צי איך וויל נישט, צי איך וויל אים —
זיינע עקספּערימענטן
פירט ער דורך דורך מיר,
דעם אייביק געברענטן.
קיינעם לאָזט ער נישט אַזוי אונטערגיין ווי מיך
און קיינעם טוט ער נישט אַזוי אין פייער מאָדעלירן;
קיינעם וויל ער נישט אַזוי געפינען;
קיינעם טוט ער נישט אַזוי פאַרלירן.

אויך איך געפין אים און פארליר אים —
פארליר אים און געפין אים —
אָ, רצוא-ושוב פון חסדים און פון דינים!
איכה און שיר השירים!
ווער איז ווי מיין גאָט וואולקאַניק?
אָט איז ער סיני צו מיר,
און אָט — מיידאַנעק.
און מעג איך ווי רעוואָלטירן
און מעג איך ווי מיד זיין —
מוז איך ייד זיין.
מיר קאָנען זיך ביידע נישט אָפּלאָזן,
נישט ער מיך, נישט איך אים.
זאָג: ישראל — זאָגסטו: אלוהים.
און פאַל איך אונטער זיינע הענט —
קומט דער חלום פון קץ און זינגט מיר אַ טרייסט:
שוין נענטער ווי ווייטער! דו גייסט
צום טאָג פון זיין לעצטן עקספּערימענט.

אני מאמין — איך גלייב אין דער טרייסט:
פון די עקספּערימענטן איבער מיר,
עקספּערימענטן אין פייער,
וועט אַרויס וואָס עס דאַרף —
אַ בראשית אַ נייער.

אני מאמין — איך גלייב:
צוליב מיר, דער שארית ישראל,
וועט דער גאָט פון ישראל,
ווען ס'וועט אָנהויבן קצן
איבערפורעמען די קרעאַטור,
שמידן נישט געווענע געזעצן.
צו דער רעכטער האַנט וועט ער מיך זעצן.
און מיין דערלייזער וועט אין שטויב
צעטרעטן אַלע געצן.

ניו־יאָרק, תש״ח

## אַ ניגון פון טאָטן געהערט

זינג איך אַ ניגון פון טאַטן געהערט...
זינג איך חבדיש:
השם אלקיכם, השם אלקיכם
אמת...
איז עס אַ קדיש
נאָך אַ וועלט, וואָס וועט מער שוין נישט וועלטן?

נישט אמת!
אין אָט דעם געזאַנג דעם חבדער
קומט דער אמת אַרויס אַזאַ אַדיר,
אַז אַן אמת אַזאַ מוז פאַרגעלטן
אפילו פאַר מיידאַנעקס, פאַר טרעבלינקעס...

פאַרגעלטן — ווי אַזוי?
איך ווייס נישט. דאָס ווייס נאָר דער אמת.

זינג איך ס׳געזאַנג און פאַרזינק עס
טיף אין זיך — נעם עס
אין מיין תמצית אַריין און באַנעם עס:
השם איז —
אמת!
ווייבאַלד, ווידער, אמת —
מוז ער דאָך, מוז ער
דעם חשבון באַצאָלן אינגאַנצן,
באַצאָלן באמת — — —
השם אלקיכם,
אוי, השם אלקיכם —
אמת!

## אַ נאָכגלאַנץ

די זון איז נישט געווען מער. טיף אין ים איז זי פאַרגאַנגען.
בלויז נאָכגלאַנצן פאַרשמאַכטע זיינען נאָך געהאַנגען
צעקרומט און נישט-פונדאַניק.

איך האָב געוואוסט, ווען כ'האָב געקוקט אויף יענע גלאַנצן,
וואָס האָבן טויטערהייט געפּרואווט אפילו טאַנצן:
אויך איך בין אַזאַ אָפּגלאַנץ, אויפן תהום פאַרהאַנגען,
אַ נאָכגלאַנץ פון מיין אומהם זון, וואָס איז פאַרגאַנגען
אין בלוט-ים פון מיידאַנעק.

**ש. קאַטשערגינסקי**

# מאַריקאַ

אַן עלנטער ווינט, —
אַ ווייַנענדיק קינד
אין אַ פאַרנאַכטיקער שעה
פאַרבלאָנדזשעט האָט דאָ.
נאָר דו, מאַריקאַ,
נאָר דו
ביסט נאָך אַלץ ניטאָ.

ס'האָט ווינט מיר געבראַכט
אין בלויען פאַרנאַכט
דעם שאָרך פון דייַן קלייד
אין ווינט אייַנגעווייט.
נאָר דו, מאַריקאַ,
נאָר דו
ביסט אַלץ ניטאָ.

טאָ זיי מיר אַ פרייַנט,
דו ווינטעלע הייַנט,
און טוליע מיך צו,
כ'בין עלנט ווי דו.
נאָר דו, מאַריקאַ,
נאָר דו, —
ביסט אַלץ ניטאָ.

איי-ליו-לע-ליו,
ס'וויגט איין מיך דערווינט,
איי-ליו-לע-ליו,
זיי רואיק, מיין קינד,
וויגט ווינטל מיך איין:
„איך וועל דיין
מאַריקאַ, זיין"!

**רחל קאָרן**

## כ׳וויל צוגיין אַמאָל

כ׳וויל צוגיין אַמאָל,
אויף פינגער־שפּיצן בלויז
צו אַ פרעמדן הויז
און מיט מיינע הענט באַטאַפּן די ווענט —
פון וואָס פאַר אַ ליים עס זיינען די ציגל געברענט,
פון וואָס פאַר אַ האָלץ די טיר איז געמאַכט,
און וואָס פאַר אַ גאָט האָט דאָרט זיין געצעלט,
אַז ער האָט עס פון אומגליק און חורבן באַוואַכט?

וואָס פאַר אַ שוואַלב האָט אונטער זיין דאַך
פון שטרוי און פון ערד געקלעפּט זיך איר נעסט,
און וועלכע מלאכים פאַר מענטשן פאַרשטעלטע
עס זיינען געקומען אַלס געסט?

וואָס פאַר אַ צדיקים האָבן זיי באַגעגנט
און שיסלען מיט וואַסער געטראָגן אַנטקעגן
אום צו וואַשן דעם שטויב פון זייערע פיס,
דעם שטויב פון די ערדישע וועגן?

און וואָס פאַר אַ ברכה האָבן זיי געלאָזן
די קינדער — פון גרויס ביז מעזינקע,
אַז זי האָט זיי באַשערמען געקאָנט און באַהיטן
פאַר בעלזשעץ, מיידאַנעק, טרעבלינקע?

פון אַט אַזאַ הויז,
באַצוימט מיט באַמאָלטע שטאַכייטן,
אינמיטן פוןביימער און בלומיקע בייטן,
וואָס בלויען, גאָלדיקן, פלאַמען,
איז אַרויס
דער מערדער פון מיין פאָלק,
פון מיין מאַמען.

כ׳וועל לאָזן וואַקסן מיין צער,
ווי שמשון אַמאָל זיינע האָר,
און דרייען דעם מילשטיין פון טעג
אַרום יענער בלוטיקער שפור.

ביז אַמאָל, אין אַ נאַכט,
ווען כ׳וועל דערהערן איבער מיר
דעם מערדערס שיכורן לאַך,
וועל איך אַ ריס טאָן פון אנגלען די טיר
און אַ שאָקל מיט דעם געביי —
ס׳זאָל געבן די נאַכט אַ דערוואַך
פון שוידער, וואָס וועט אַדורך יעדע שויב,
יעדן ציגל און נאָגל און ברעט פונעם הויז,
פון סאַמע גרונט ביזן דאַך —

כאָטש כ׳וויים עס, וויים, מיין האָר,
אַז ס׳וועלן די פאַלנדע ווענט
באַגראָבן בלויז מיך
און מיין צער.

שטאָקהאָלם, 20 אַפּריל, 1947

## ביי די טויערן פון די גאַז־קאַמערס

לזכרון די אַלע, וואָס זייערע נעמען זיינען אומגעקומען צוזאַמען
מיט זיי, און וואָס קיינמאָל וועט זיי שוין קיינער נישט דערמאָנען,
ווייל זייער איינציקער יורש דאָ, אויף דער ערד, איז דער צער,
וואָס וואָגלט אום צווישן אונדז.

די נאַקעטקייט פון זייער גאַנצן לייב
איז מיטאַמאָל געוואָרן, ווי די נאַקעטקייט פון טויטע —
און אַלץ, וואָס איז געווען פאַרשעמטקייט, גליק און סוד,
סימנים, מוטערס נאָר באַקאַנט, געליבטע בלויז פאַרטרויטע,

האָט אויף דער ערד דאָ אונטער זיי, ווי אויף אַ טהרה־ברעט
אַראָפּגעשווענקט אַכזריותדיקע זון און יעדן גוף
אויסגעגעבן צום געשפּאָט פון טמאהדיקן בליק,
וואָס האָט סאָרטירט זיי שיכט אויף שיכט צום סאַמע לעצטן פּרואוו.

נאָר ס'האָבן קינדער קליינע, ווי זיי וואָלטן אין איין רגע
פאַרטויזנטפאַכיקט זייערע יאָרן ביז איבער ראַנד פון טויט,
געלערנט מאַמעס אייגענע באַצווינגען אַנגסט און שריי,

און צו באַגראָבן טיף אין בלוט דעם לעצטן פּחד,
אַז ס'זאָל דער פייניקער, וואָס וועגט און מעסט פון שרעק אַ יעדן לויט,
נישט קוויקן זיינע אויגן מיט זייער צער און ווײ.

9 יוני 1947

## מיר זיינען געפֿאָרן צו תשליך

מיר זיינען געפֿאָרן צו תשליך
אויף אַ ווייסער, אַ גרויסער שיף,
וואו עס פֿליען נים מער קיין מעוועס,
וואו דאָס וואַסער איז אָפּגרינטיק טיף.

מיר זיינען געפֿאָרן צו תשליך,
וואָס וויימער, ווייטער פֿון דאָרט,
וואו ס'מאָנען די קברלאָזע
ביי אונדזערע נעכט אַן אָרט.

מיר זיינען געפֿאָרן צו תשליך —
אויסגעליידיקט דאָס האַרץ און די טאַש,
איז גראָ געוואָרן דאָס וואַסער
פֿון דעם צעשאָטענעם אַש.

מיר זיינען געפֿאָרן פֿון תשליך,
באַפֿרייטע פֿון צער און פֿון לייד,
און ס'דאַכט אַז מיר האָבן זיך ענדלעך
אַליין שוין פֿון זיך באַפֿרייט.

מיר זיינען געפֿאָרן פֿון תשליך
זעקס טעג און זעקס נעכט נאָכאַנאַנד,
עס האָט אונדז געזוניקט אַנטקעגן
פֿון נעפּלען דאָס פֿרעמד־נייע לאַנד.

מיר זיינען געקומען פון תשליך —
נאָר פאַרוואָס אַזוי גראָ איז דער ברעג?
דאָס אַש איז אונדז דאָ נאָכגעשוואומען
און אונדז פאַרלאָפן דעם וועג.

קעהאָס קליגער

## אַ בריוועלע צו גאָט

כ׳שרייב דיר אַ בריוועלע אזא,
מיין האר,
און דו מעגסט, ווי הארב,
מיך שטראָפן דערפאר:
דו האָסט מיך דורך איינער
אַ גרוויליקער נאכט
פאר אַ קיילעכדיקן יתום געמאכט —
יתגדל.

דו האָסט מיין היים
ביזן זרוב צעשטערט,
פון מיין הויז איז געבליבן
אַ בערגל ערד.
האָסט מיר צוגענומען אלץ,
נאָר נישט מיין צער,
איצט בין איך עלנט,
ווי דו, מיין האר —
יתגדל.

איך בלאָנקע אויף חורבות,
אויף הפקר — באראָט
אין אַ טויטער וועלט,
אָן רחמים, מיין גאָט:

נאָ דיר מיין נשמה
פֿאַר אַ פּענעצל פֿרייד,
ווילסטו מיין גוף,
איז ער אויכעט גרייט —
יתגדל.

איך שרייב דיר אַ בריוועלע אַזאַ,
מיין האַר,
און דו מעגסט ווי בייז,
מיך שטראָפֿן דערפֿאַר:
אויף דיין זינדיקער ערד
האָב איך ניט מער,
ווי אַ קללה, אַ זיפֿץ, אַ טרער —
יתגדל.

1946

**מלך ראַוויטש**

# אונטער דעם עץ־האמת

(פראַגמענט)

(דעם שאָטן פון רויך פון מיין פאַרברענטער מאַמען אויפן הימל איבער בעלזשעץ אין צענטן יאָרצייט)

די שאָטנס קומען — און וועלן קומען ערשט און קומען —
פון די איטשע־מאירס פון די זעקס מיליאָנען,
זיי וועלן אַזוי קומען, אייביק קומען, אייביק שטומען,
און שטומערהייט מאָנען, מאָנען.

זיי וועלן אַזוי מאָנען ביי אַלע וועלטן,
און ביי אַלע וועלטנס צייטן,
און וועלן אַלע יידן, און אויך אַלע גויים,
נעכטן, היינט און מאָרגן און אייביק באַגלייטן.

זיי וועלן קומען אין גרוי־גרויסע מאַסן,
און ווי שאַרפע ליכטער, ווי העלע יחידים,
זייער שטומענס צו טאַנצן אויף אונדזערע שמחות,
זייער שטילעניש צו טומלען אויף אונדזערע ירידים.

און זיצן אויף די ראַנדן פון אונדזערע מיטאָג־טישן
אויף די פולע לעפל קוקן און שטוינען,
ווייל זיצן אויף שטולן, ווי מיר אַלע, וועלן זיי זיך
אין דער אייביקייט מער שוין נישט צוגעוואוינען.

טיף אין אונדזער גאָרגל וועלן ציינערנע בליקן
באַגלייטן דעם ביסן, וואָס מיר צעבייסן,
און שפּעטער מיט הענט דינע זשאַווער-דראָטן,
וועלן זיי דעם ביסן פון אונדזער גאָרגל רייסן.

— וואָס מאָנט איר, וואָס מאָנט איר, פאַרברענטע מיליאָנען?
וואָס ווילסטו, שרה-רבקה, און דו איטשע-מאיר?
— נאָר קרישקעס פון דיין טיש, נאָר שאָלעכץ פון דיין בולבע,
חלילה נישט קיין ברויט — ווייל ברויט קאָסט אַ טויט אין פייער.

און צו אונדזערע בעטן קומען זיי, וועלן קומען,
נאָר זיך לייגן, ווי געקאָסעט גראָז, אויף די דילן.
— קומט ברידער, אין בעט אַריין, איז אין בעט דען נישט בעסער?
— אַ דאַנק, מיר ווייסן בעסער אַליין, וואָס מיר ווילן.

און אַזוי וועט אויך זיין ביי מסיבות מיט חברים:
— זאָג, ברודער, אַ געדאַנק, וואַרף אַ וואָרט אַריין אין מיטן!
— וואָס האָב איך דען צו זאָגן? און האָסטו וואָס צו זאָגן —
כאָטש דו זאָגסט — — — און אַש וועט פון ווענט און פון ווערטער
נעמען שיטן.

און אַזוי זומערלעב אויף דאַטשע. דו וועסט אַ בוך מיט לידער
אַרויסנעמען פון אַלמער און זיך רוען אונטער צווייגן:
— קום, זעץ זיך אויף דער וויג-שטול, ביזט דאָך מיד פון
אַרומשטיין!
— חלילה! — — — און ער שמייכלט און עס גליווערן די
בלעטער פון זיין שווייגן.

און אזוי ביים מידן לייענען די ציישונג פארן שלאפן:
— קוק, ברודער, אריין, ווייס אויך פון אונדזער וויסן!
— אפשר יא, נאר צוריקגעשמועסט, איז דען דא וואס צו וויסן?
און די ציישונג וועט זיין פלוצלינג אויף ברעקלעך צעריסן.

און אזוי ביז דיין טויט. ס'איז שוין טאקע נאך דיין טהרה,
און דו ליגסט שוין תכריכים־געהילט, לעצט־געוואשן.
דעמאלט וועט ער אויפשטיין, וועט באווערטערן זיין שווייגן,
באהויטן זיין געביין, אפשטויבן זיינע אשן,

און קלאר וועט ער ריידן, מעסער־שארף דייטלעך:
— איך גיי מיך איצט, ברודער, אין דיין קבר לייגן,
ווייל ליגן אין א קבר — מיט א תפילה־ניגון זאגט ער —
איז א גרויסע, איז א ליכטיקע גן־עדן מדרגה.

**(1953—1946)**

# איך האָב געוואָלט אַ געשריי טאָן

איך האָב געוואָלט אַ געשריי טאָן צו גאָט פון טיף האַרצן אין דער
איצטיקער צייט
איז דאָס קול אַרויס פון מיין האַלדז, ווי ס׳קול פון אַ נישט דער־
שאָכטענעם האָן, וואָס קריִיט.
איך האָב געוואָלט, ווי תמיד, ברענגען אין אַ ליד מיין צער פון
האַרצן אַרויס,
האָבן די ווערטער אויפן פּאַפּיר געמאַכט אַ צוזאַמענגעלויף, ווי
דולע אין אַ משוגעים-הויז.

איך האָב געוואָלט אין אַ תפילה אַנידערפאַלן פאַר גאָט אויף דער
ערד,
האָט די ערד מיט מיר אַ וואָרף געטאָן, ווי ס׳וואַרפט מיט
אַ רייטער אַ קיינמאָל נאָך נישט געריטן פערד.
איך האָב געוואָלט מיך צעוויינען, פשוט צעוויינען זיך ווי אַ קינד,
זיינען די אויגן טרוקן געבליבן און ברענען גענומען, ווי איך
וואָלט געהאַלטן ביי ווערן בלינד.

איך האָב געוואָלט לעסטערן אויף גאָט, ווי אַ שיכור, וואָס קריגט
זיך מיטן שענקער אין שענק,
האָט מיך דער שענקער מיט די פויסטן זאַטשמעליעט, ווי כ׳האָב
נאָר אַ וואָרט אַרויסגעבּרענגט.
איך האָב געוואָלט פשוט אַנטשלאָפן ווערן, פאַרגעסן אין גאָט
און אין מענטשן און אין צייט,
האָט די נאַכט זיך אַוועקגעזעצט וואַכן איבער מיר און געוואָרן
אַ שלאָפלאָזע אייביקייט.

איך האָב געוואָלט אין מיין צער מיך צעלאַכן — און איך האָב
מיך טאַקע אויף אַ קול צעלאַכט,
און מיט מיר די שטוב, דאָס הויז, די וועלט, די גאַנצע נאַכט —
און מאַמעס פון קינדער־הרוגים,
און קינדער פון מאַמעס, צו קבר אונטער פאַרשאָטענע הייזער
געבראַכט,

און דערטרונקענע פון טאָרפּעדאָ־שיפן, מיט מיילער ווי האַי־פישן
אויפגעמאַכט —
און העכער פון דער גאַנצער כאַליאַסטרע האָב איך אַליין געלאַכט
און געלאַכט.

.1939

## נאַלעווקעס 1946

### א.

...איך שווידער אויף: אַ ברוכוואַרג־ים, וואָס שפּרייט זיך אויס אויף מײַלן,
וואָס פליִיצט, פאַרשיט דאָ אַלץ אַרום, פאַרמישט דאָ גאַס מיט גאַס.
נאָר וואו־ניט־וואו אין ציגל־שטוים די פונדאַמענטן־זײַלן —
זיי סטאַרטשען פון דעם גרוז אַרויס ווי דענקמעלער פון האַס.

זיי שרײַען שטום־פאַרגליווערטע, זיי רײַסן זיך פון גרונטן,
פון ברוקן היים־פאַרשאָטענע מיט אַשן און מיט ליים,
וואו ס׳קרעכצן נאָך די לעבעדיק־באַגראָבענע דאָרט אונטן,
וואו ס׳וויל דאָס בלוט נישט שטילן זיך און קאָכט און זידט געהיים.

מיר דאַכט זיך אויס: דער ציגל־באַרג ער פּאַליעט זיך צעשטורעמט,
ער כוואַליעט זיך, ווי ס׳וואָלטן אים גאָר הונדערטער פון הענט,
פון אַלע דאָ באַגראָבענע, געהויבן אים, געטורעמט,
מיט הייזער נישט געזעענע, מיט גאָרנדיקע ווענט.

די אַלע דאָ באַגראָבענע אין לעצטן פּחד־גליווער,
די לעבעדיק־פאַרשאָטענע מיט נישט־דערהערטן קלאָג —
זיי הויבן זיך, זיי קומען דאָ מיט מיר זיך זעצן שבעה
אויף נאַלעווקעס, אויף מילע גאַס, אין מיטן העלן טאָג...

ב.

איז גיי איך אום און בראַדזשע דאָ. אָט בין איך אויף דער דזשיקע,
און אָט צוריק אויף מילע גאַס. דער מוראַנאָוו ליגט וויסט.
איך שלייך זיך אום, איך גנבע זיך, מיר דאַכט זיך אויס, בשתיקה —
איך שעם זיך וואָס איך לעב און טרעט די חורבות מיט די פיס.

איך שעם זיך וואָס איך לעב, איך שעם זיך וואָס איך גיי און אָטעם!
פאַרוואָס איז מיר באַשערט געווען צו קומען דאָ צוגיין,
צו קענען דאָ דעם שטיין באַרירן איצטער מיט מיין טראָט אים
און הערן ווי די שטילקייט שרייט, זי שרייט אַרויס פון שטיין.

די שטילקייט דאָ זי קלאָגט, זי שרייט אַ גרויזאַמע, אַ שווערע,
זי שרעקט נאָך מער מיר ווי דער חורבן, ווי דער ציגל-שטויס.
אָט וועט זי באַלד זיך אויפרייסן און אַלץ אַרום פאַרצערן:
דעם טאָג, די שיין. זי וועט פון אַש בראַנדיקע אַרויס —

אַז אַלץ זאָל זיך צונויפמישן אין פלאַקער-פלאַם אין איינעם —
די געטאָ-חורבות און די ווייטע גאַנצע שורות ווענט,
וואָס זוניקן — די הייזער דאָרט פון די פּאָליאַקן-שכנים,
וואָס האָבן אונדז פאַרהאַנדלט און געשפּאָט פון אונדז, געשענדט.

וואָס האָבן אונדז פאַר שמאַלץ פאַרקויפט, געזויפט, ווען אין יסורים
געקאָרטשעט האָט דאָס געטאָ זיך אין קראַמף פון לעצטער שלאַכט,
און אויפגיין אָט די שטילקייט וועט מיט צאָרנדיקן שטורעם,
און ווירבלענדיק פאַרמישן אַלץ, פאַרפלייצן אַלץ מיט נאַכט.

נאָר שטיל אָרום איז, שטיל און שטום... דער הימל העלט
אַ בלויער,
עס שפּילט די זון זיך מיט דער גאַס, מיט שערבלעך הויפּנס־רויט.
איך שטיי און וואַרט. די שטילקייט שטיקט. מיך וואָרגט דער
שטומער טרויער
מיר דאַכט זיך אויס, איך גליוועך איין אַליין אין לאַנד פון טויט.

די שטילקייט שטיקט, נאָר איך בלויז האָב איר נישט געהערטן
שרייען,
איך זאַפּ אַריין אין זיך איר קרעכץ, איר נישט דערקלאַגטן קלאַג.
איך ווייס, איך וועל פון דעם זיך מערער קיינמאָל נישט באַפרייען —
די שטילקייט פון די נאַלעווקעס אין מיטן העלן טאָג.

## מיינע פענצטער

אַלע טויערן באַגלייטן מיך מיט שפּאָט
און אַלע ווענט דערציילן פון מיין פּיין מיר.
און רעדער גרילצן אויס אויף גאַסן פון דער שטאָט
דאָס ליד פון זייער פרייד, דאָס ליד פון מיין נישט זיין מער.

און אַלע טירן קרעכצן אויס מיין פּיין,
נאָר מיינע פענצטער ווילן ליכטיקע היינט טרוימען,
און עס צייכנט אויף דעם הימל־הויך מיין זיין
דער בלויער רויך, וואָס ציט זיך פון מיין קוימען.

און מעגן דעכער נאָך ווי אבלדיקע הענט
מיט טרויער גרויען אויף מיין קאָפּ פאַרבראָכן,
נאָר מיינע פענצטער וועלן לויכטן פון די ווענט
דורך אַלע נעכט מיט גלויבן און בטחון.

(לאָדזש, 1946)

**אברהם רייזען**

## דער שארית ישראל

ס'איז טייער די ערד, וואו מיר האָבן געוואוינט,
און ליב איז די היים, וואו געלעבט און געליטן;
מיר וועלן געדענקען, מיר, די וואָס געבליבן,
מיט טרערן וואָס לויכטן ווערט יעדער באַקרוינט.

דער שארית ישראל — ווי קען ער דאָרט בלייבן
און ווי קען ער לאָזן פון ליבסטע דעם אַש.
אויך איצט נאָך אַ שכן אַ בייזער טוט טרייבן
אין שנאה גערייצטער, אין רעשטלעך פון האַס...

מעג גלוסטן דאָס האַרץ צו דעם לאַנד פון די אָבות,
דאָך הייליק איז אויך דאָך דער היים-בית-הקברות,
וואו ס'רוען די ליבסטע אונטער בערגלעך ערד...
און דאָפּלטער וויי איז נאָך יענעם וואָס פילט

דעם צובונד צום אָרט וואו געלעבט האָבן דורות —
וואו קינדווייז ער האָט זיך מיט קינדער געשפּילט
און דאָרט איז זיין שטאַם און זיין שורש —
און זיי אויך די בענקשאַפט געהערט!

ניו־יאָרק, 1945 („דאָפּלטע בענקשאַפט")

# אַ יעדער

אַ יעדער טראָגט דעם צער געהיים...
אַך, ווער איז דען אומשטאַנד צו געבן
דאָס מינדסטע בילד פון אונדזער היים,
וואו ס'האָט געררישט אַמאָל מיט לעבן...

ס'האָט קיינער ניט פון אונדז דעם טאָן
פאַר אַנגסטן — קיינעם אונדז באַקאַנטע,
זינט וועלט איז וועלט פון אָנהייב אָן,
פון אונדזערע ליבסטע און פאַרוואַנדטע...

מען קען בלויז זען אַ שפּליטער-בילד
פון די וואָס ס'האָט דער פיינט פאַרטיליקט;
און ס'ווערט שוין גלייך דאָס הארץ פאַרשטילט —
ווי קען דאָס ליד דאַן זיין באַוויליקט...

ס'בלייבט בלויז דאָס ליד אויף דורות לאַנג
פון דעם וואָס האָט אַליין געליטן,
און אַלע שרעקן ניט געמיטן,
און הייליק-עכט איז זיין געזאַנג...

ניו־יאָרק, 1942

**י. י. שוואַרץ**

# יידן

(פראַגמענט)

שטייט אויף פון אייביקער פון גרויסער שטילקייט
איר, מתים, פון דער ערד! ווי אין יחזקאלס זעאונג
ציט אָן אויף די צעבראָכענע פאַרברענטעביינער
אַ גאַנצע הויט! צירט אויס זיך די בערד,
די שוואַרצע און די ברוינע און די בלאָנדע בערד!
די זקנים אין דער פּראַכט פון זילבער-גרויקייט,
וואָס ציטערט אויפן ווינט און איבער די גמרות,
מיט געלע ספרי-תורה צוגעדריקט צום האַרצן
אין ציטערדיקע הענט; די ווייבער — אויסגעצירט
אין טערקישע פּאַטשיילעס מיט די פּאַסן,
די אָרעמע תכשיטים אויף די העלדזער
און מיט די „קרבן-מנחהס" אין די הענט;
די מיידלעך — יום-טובדיק פאַרפּוצט אין ווייסן,
מיט רויטע און מיט בלויע סטענגעס אין די לאָקן,
ווי צו אַ חתונה אויפגעלעבט און רירעוודיק;
די קליינע שיינע קינדער און די עופהלעך —
געוואַשן און געצוואָגן און געגרייט צום יום-טוב.
זאָל ליכט זיך אָנצינדן אין פּוסטע אויגנלעכער
און ברענען אין דעם פלאַם! און זע, אַ גרויסע מחנה,
מיט יונג און אַלט, מיט גרויס און קליין — א שבט,
אַן אַלטער גרויסער שבט האָט זיך אויפגעשטעלט —
געשטעלט זיך אויף די פיס! דאָס גייט איר צו הקפות
אין נאַכט פון שמחת תורה פונעם חודש תשרי

פון נײַנצן צװײ און פֿערציק. ס׳ברענט דער הימל
אין בראַנד פֿון שולן הילצערנע און הײַזער
פֿון אָרעמער, פֿון דורות־יידישער סלאָבאָדקע
װאָס זיצט בײַ דער װיליע. פֿלאַמען זעצן
און שפּאַרן לאַװעס־פֿײַער אין דעם שװאַרצן הימל.
די גלעקלעך פֿון די ספֿרי־תּורה קלינגען,
נאָר װערן אין דעם רעש פֿאַרטױבט. אַ גאַנצער שבט,
צען טױזנט שטאַרק, גײט אױף דער עקדה
אין פֿלאַם און רױך. און צװישן זײ דערקען איך
די אַלע ייִדן פֿון דער עדה פֿון מײַן שטעטל:
די האַנט די בלוטיקע האָט זײ צונױפֿגעיאָגט
אַהער, צום לעצטן טאַנץ: די זײדעס און די טאַטעס,
מיט זין און טעכטער, קײנעם ניט געמינערט
און קײנעם ניט פֿאַרפֿעלט. (אַ חוץ אָט יענע,
װאָס האָבן זיך געראַטעװעט, װי איך און איר,
אַלײן ניט װיסנדיק מיט יאָרן פֿריער).
אָט זײַנען זײ, װי איך האָב זײ געקענט אַמאָל:
דער סטאָליער און דער שלאָסער און דער מולער,
דער קרעמער און דער גערטנער און סאַדאָװניק,
דער גאַרבער און דער גלעזער און דער רימער —
די האָרעפּאַשנע ייִדן פֿון די ברעגעס טײַכן,
קאַנזשאַרטניקעס, װאָס מיען זיך בײַ פֿליטן,
בײַ סמאָלע און שװאַרצוגעס, מיט פֿאַרברױנטע פּנימער
פֿון זון און װינט, מיט אָפּגעברענטע בערד,
מיט תּמימותדיקער אָפֿנקײט און רײנע אױגן,
װאָס פֿלעגן אָנפֿילן די שולן פֿרײַטיק־נאַכט

מיט איינגעהאַלטענער, מיט שטילער פרייד —
און אינדערוואָכן, אין די שוואַרצע ווינטערנעכט,
נאָך מעריב, בלייבן אין בית-מדרש לערנען:
דער למדן ביי אַ בלאַט גמרא מיטן תוספות,
דער פועל — ביים „עין-יעקב״ און די ספרי-מוסר.
אין שול איז ליכטיק, יום-טוב אין אַ מיטן וואָך:
עס רוישט פון אומעטום מיט אַלטער חכמה
און ס׳קרייזלט זיך דער רויך פון פּאַפּיראָס און פּאַיקע
און שווימט איבער די קעפּ. נאָר איצטער שטייען זיי
באַלויכטן בלוטיק-רויט אין העליש פייער:
דער רב, דער האַרציקער בעל-תפילה און דער שוחט,
דער ראש-ישיבה מיט די בחורים די לערנער,
די גרויע זקנים מיט די ווייסע בערד און פּיאות,
די יונגעלייט, דער אָנשפּאַר פון די אַלטע,
די מיידלעך צוקונפטיקע מאַמעס פון אַ פאָלק,
אין בלוט און האָפענונג — אַלע, אַלע שטייען גרייט
אין פלאַם און רויך. דורך בבל און דורך רוים,
דורך אַזיע און דורך אַפריקע, דורך אַלע גיהנומס,
און דורכן טאָל פון טויט פון גאַנץ אייראָפּע:
דורך שפּאַניע און גערמאַניע און די אַנדערע —
האָט ענדלעך זיי די האַנט צונויפגעיאָגט, דערגרייכט,
דאָ, אויף די ברעגעס פון ווילע פון דער בלויער
אין רויטן ליכט פון ברענענדיקע שולן
און מוסר-שטיבער — ס׳גאַנצע לעבן פון אַ פאָלק
גייט אויף אין בראַנד. — — — — — — — —

**משה שולשטיין**

## און ס'איז אַ גאָלדענער אַפּריל געווען

פראַגמענט פון דער פּאָעמע
„אויפן אַש פון מיין היים"

און ס'איז אַ גאָלדענער אַפּריל געווען;
די לופט צו פלאַנצן — גוטמוטיק און לינד,
די זון האָט זיך געשפּילט מיט יעדן גרעזל,
און דער רוצח — מיטן טויט פון קינד...
און וועט אַ זון־שטראַל פאַלן היינט אויף וועמען —
אָ, זיין זאָל ער אַ חרפּה־שמיץ פון בייטש! —
עס זאָל פון שאַנד אויך יענעמס פּנים ברענען
ווי אונדזער האַרץ אין שטרייט פון מענטש און דייטש!...

אָט זעט די מויערן פאַרחושכט ווי אבלים,
מיט פענצטער אַרויסגעריסן, וויסט און בלינד, —
וועט אפשר קענען כאַטש פון זיי דערציילן
דער אַלטער וואַנדערער אויף דר'ערד — דער ווינט?
ביים ווינט וואָס הוליעט נאַקעט, בלויז און באָרוועס
אָ, פרעג צי קומט ער נישט פון יענער זייט;
צי האָט ער נישט געיאָמערט דאָרט אויף חורבות
אין איינמאָל אַ פאַרשעמטער פרילינגס־צייט?
און האָט ער פון די כאַליעוועס אויף שונאים
דאָרט אונדזער בלוט געזופּט מיט פולן מויל —
זאָל ער עס געבן אַזאַ שפּריץ דעם פּנים
וואָס האָט זיך נישט פאַרשעמט מיט אונדזער גרויל!

פרוביר, צי טראָגט ער נישט אין זיינע פאַלדן
פון גופים די פאַרקוילטע דעם גערוך,
און אין זיין וואָי — די ווידער־קולות פון געוואַלדן
וואָס רייסן זיך דורך גיהנום־טירן דורך...
און טראָגט ער אונדזער אַש פון לייב און קליידער
דעם לעצטן זכר אונדזערן אויף דר׳ערד, —
זאָל ער עס געבן אַזאַ שיט און שליידער
אין אויג וואָס האָט נישט איבער אונדז געטרערט!...

און פרעג דעם וואָלקן וואָס ער וואָגלט איבער לענדער,
צי קומט ער נישט אַמאָל פון יענער זייט;
צי טראָגט ער נישט אַמאָל אין זיינע לענדן
דעם טשאַד פון הויט און האָר אין פלאַם פאַרדרייט;
צי קומט ער נישט פון פוילן דער מדינה
וואָס אָנגעטאָן איז זי אין מענטשן־רויך, —
און טראָגט ער אים פון אונדזערע רואינען
אַן אויפגעהויבענעם ביז הימל־הויך —
זאָל ער אים נידערן אַראָפּ צו מענטשנס בליקן,
אַז אויסעסן זאָל ער ביי זיי די שיין,
און רייסן זאָל ער יענע קעל און שטיקן,
וואָס האָט זיך נישט געשטיקט מיט אונדזער פיין!...

**מאיר שטיקער**

## זיי האָבן אויפגעשטעלט מיליאָנען שייטערהויפנס

זיי האָבן אויפגעשטעלט מיליאָנען שייטערהויפנס
אויף מיליאָנען ערטער —
האַנס און ווערטער,
זיגפריד און ברונהילדע —
און פאַרברענט די שעפעלעך די מילדע.

מיט פליים, מיט מי, מיט אייזלשן געדולד,
געקלאַפּט די טשוועקעס און געדרייט די שרויפן —
אויפן אַלט־באַקאַנטן אופן פון גערמאַנען.
די פּויערים פון פעלד,
דער גלח פונעם פולט,
די בויער פון טונעלן און פון אייזנבאַנען,
אַרבעטער פון די וואַרשטאַטן,
דאָקטוירים, דיכטער, מוזיקער און אַדוואָקאַטן —
האָבן גאָט און פאָך פאַרראַטן
און מיט דלאָט און האַמער און אַ קאַלטער האַנט
אויסגעקלאַפּט די גלאָריע פון זייער לאַנד.

זיי האָבן אויפגעשטעלט מיליאָנען שייטערהויפנס
אויף מיליאָנען ערטער —
האַנס און ווערטער,
זיגפריד און ברונהילדע —
און פאַרברענט די שעפעלעך די מילדע.

איצט בליען בלוטבלומען אויף בלומענבייטן
און בלוטקעפּלעך שפּראָצן פון דער ערד אַרויס
אין אַלע אייביקייטן.
אַ שוואַרצע מיטה איז איצט הויז נאָך הויז.
די ביימערצווייגן זיינען אָפּגעבראָכן
און דאַר און קוואַר און אויסגעהוילט ווי קנאָכן
און פון יעדן שטענגל בעז
שטאַרן פּיאַלעטע אויגן פון אַ מת.

זיי האָבן אויפגעשטעלט מיליאָנען שייטערהויפנס
אויף מיליאָנען ערטער —
האַנס און ווערטער,
זיגפריד און ברונהילדע —
און פאַרברענט די שעפּעלעך די מילדע.

דער הימל איז מיט טרערן אָנגעזאַפּט,
די ערד איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט און אייטער.
פון די שייטערהויפנס וואָס זיי האָבן אויפגעקלאַפּט
שפּראָצט אינדערהויך אַ פלאַמענדיקע לייטער.

**א. נ. שטענצל**

## אָבער ווער בין איך דען אַז איך זאָל פרעגן...

(פראַגמענט „און צום שלוס")

פונקט אַזוי ווי די לבנה פון דער זון,
געסל דאָ געוועזן פון דעם שטעטל דער אָפּשיין,
און אַז שטעטל דאָרט אונטערגעגאַנגען איז,
האָט דאָך געמוזט דאָס געסל דאָ אויך אונטערגיין.

צי קאָן דען פינצטערע לבנה אויפשיינען,
ווען אויסגעלאָשן פון דער זון עס איז איר שיין?
פון אונדזער פלוצלינגדיקן אונטערגיין איצט דאָ,
אַט־אָ דאָס מסתם ס'איז דער באַהאַלטענער מיין.

אָבער ווער בין איך דען, אַז איך זאָל פרעגן:
גאָט, וואָרוואָר, צי האָט עס דען געמוזט אַזוי זיין?
און ווער בין איך דען צו זאָגן מכלומרשט:
אַז אַלצדינג וואָס גאָט טוט איז גוט, איז וואויל און פיין.

און אין די נעכט ווען די לבנה איז נישטאָ,
אַ שוואַרצער אין געסל איך וואַנדל אַליין:
ווי וואונדערלעך די זון געשיינט האָט היינט וואו — — —
כאָטש אַ שטראַלעכל ווי דורך אַ שפּאַלט ס'פּאַלט אַ שיין — — —

## שמואל זיגעלבוים

יאָ, פּונקט ווי פון זייער קאַמף און קראַמף-געשריי
איז ער דאָ געווען דער ווידערקול —
אַזוי איז ער געוואָרן איינער פון זיי,
ווען ער איז געפאַלן אונטער זיין עול.

עס איז צוזאַמענגעבראָכן זיין לעבן
מיט זייער לעצטן גסיסה-געשריי —
אונטער זייער פינצטערער וואַנט צו ליגן
אַ געפאַלענער מיט זיי.

און דאָס ביסל אַש געלאָזן דאָ נאָך זיך,
אַז מיט אונדזערע אויגן נאָך זאָלן מיר זען,
ווי דאָס אויפפלאַמען זייערס צום לעצטן קאַמף —
ווי ברענענדיק און ווי עכט ס'איז געווען.

**אריה שמרי**

## די האַנט פון טרויער

מיט לאַנען פוכיקע, מיט בינשטאָקן צעזשומעטע
בעט מיין פעלדיש לאַנד
דאָס ליד פון פרייד,
נאָר דאָרט אויף פייערדיקן ראַנד,
אין וואַלד פון שאָטנס אָן אַ שיעור —
הויבט זיך אויף פון מיליאָנען הענט
אַ האַנט,
רייסט קריעה אויף מיין העמד
און זאָגט צו מיר:
אויך דו ביסט אַש, ווען מיר זיינען פאַרברענט,
דאָס טויטע לאַנד איז אויך דיין לאַנד
און אונדזער ענד איז אויך דיין ענד.
די שאָטנס נעמען מיך אַרום,
שקיעה הילט מיך איין אינגאַנצן.
איך פיבער מיט זון פאַרבלוטיקטער
אינדערמיט פון שטילע פלאַנצן.
די זון פאַרגייט, פאַרגייט, אַזוי מוראדיק פאַרגייט
און וואָס ענטפערן מיין לאַנד,
וואָס בעט דאָס ליד פון פרייד?

עין־שמר, 1942

## ליד פון בענקשאַפט און געוויין

מיין האַרץ אויף רויטן מערב,
דאָרט מיין בענקען און געוויין.
ביי ווייסל, בוג און נאַרעוו —
אַ געבוירן, אַ פאַרגיין — — —

די אַלטע וועלדער רוישן,
דודס האַרף אויף יעדער קרוין.
ווי שווער זיי אויסצוטוישן
אויף אַן ערשט געפלאַנצטן בוים.

ביי ווייסל, בוג און נאַרעוו
אַ שחרית אין די ראָסעס.
אַ מנחה און אַ מעריב
אין קלינגען פון די קאָסעס.

אין ווייסל, בוג און נאַרעוו
תפילות אַריינגעגאָסן.
זיסער תהילים האַרפט
אין בלאָלעכע חצותן.

איז דאָס אַלץ פאַרשוואונדן?
אוי, בענקשאַפטן מיך קניפּן!
וואָס מער עס ברענען וואונדן,
זיך ציען מיינע ליפּן, —

מיט קושן צו די קבֿרים,
מיט ליד צו די אַמאָלן.
איך ווייס ווי איך בין אָרעם
אָן גאָלד פון אַלטן חלום.

צו וויסל, בוג און נאַרעוו —
אַלע גרענעצן צעגייען.
זיידעס זיינען מיך מקרבֿ
פון אונטער הויכע שנייען.

אַלטער תהילים האַרפּט.
נאָר עס קלאָגט דער סוף.
— — — — — — — —
אויף מיין גאָלדענעם אַלף
פֿאַלט פֿאַרבלוטיקט אַ תָּיו.

# אינהאַלט:

פאָרוואָרט . . . . . . . . . . . . . 9

## א

## קדושים

**לייב אָפּעסקין**
געטאָ מאָטיוו . . . . . . . . . . . . . . . 19
צען ברידער . . . . . . . . . . . . . . . 20
**הירש גליק**
זאָג נישט קיינמאָל . . . . . . . . . . . . 21
שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט . . . . . . . . 22
**מרדכי געבירטיג**
אין געטאָ . . . . . . . . . . . . . . . 24
**אידאַ גראַדזיאַנאָווסקי**
שוין גענוג . . . . . . . . . . . . . . . 26
**הערשעלע**
ווייב און קינדער נעבאַך הונגערן . . . . . . . . . 27
ווער קאָן וויסן וואָס מיר פעלט . . . . . . . . . 28
**יצחק קאַצענעלסאָן**
זינג . . . . . . . . . . . . . . . . . 29
זיי זיינען דאָ שוין די וואַגאָנען ווידער . . . . . . . 32
ליד פון הונגער . . . . . . . . . . . . . 37
לידער פון קעלט . . . . . . . . . . . . . 39
**אַלטער קאַציזנע**
אָן אַ היים . . . . . . . . . . . . . . 41
**לייב ראָזענטאַל**
שאָטנס . . . . . . . . . . . . . . . . 43
מיר לעבן אייביק . . . . . . . . . . . . . 45
**לאה רודניצקי**
דרעמלען פייגל אויף די צווייגן . . . . . . . . . 46
דער אַנטלאָפענער פון טויטן־אינדזל . . . . . . . . 47
**ש. שאַיעוויטש**
לך לך . . . . . . . . . . . . . . . . . 50
פרילינג תש״ב . . . . . . . . . . . . . . 52
**משה שימעל**
די אייביקייט . . . . . . . . . . . . . . 54
צו אַ יינגעלע . . . . . . . . . . . . . . 55

## ב

## טרויער, אמונה און גבורה


### אפרים אויערבאַך

קדיש דרבנן . . . . . . . . . . . . . . 59
האָסט שוין פאַרברענט . . . . . . . . . . . . 60
דער פאַרשטעלטער ייִד . . . . . . . . . . . . 62

### לייזער אייכענהאַנד

דער קרייז . . . . . . . . . . . . . 65
דאָס געטאָ ברענט . . . . . . . . . . . . 65

### דוד איינהאָרן

דער טויטער שיפער . . . . . . . . . . . . 67
דייטשישער פרילינג . . . . . . . . . . . . 69

### מ. אַליצקי

פרילינג . . . . . . . . . . . . . 72
אַ שוועסטער . . . . . . . . . . . . . 74

### ישראל אַשענדאָרף

מלאכים דריי . . . . . . . . . . . . . 75
אַז דאָס קינד וועט פרעגן . . . . . . . . . . . 76

### נחום באָמזע

און אַז איך וועל קומען . . . . . . . . . . . 78
אין דער איינזאַמקייט . . . . . . . . . . . 79
איך געדענק קוים . . . . . . . . . . . . 79

### רבקה באסמאַן

אין פעלד . . . . . . . . . . . . . 81
אין פענצטער . . . . . . . . . . . . . 82

### מנחם באריישא

חשבון אויפן אַש . . . . . . . . . . . . 83

### ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

שארית הפליטה . . . . . . . . . . . . . 86
קום, מקונן . . . . . . . . . . . . . 87
אָ, וויפל מאָל . . . . . . . . . . . . . 88

### משה בראָדערזאָן

די געלע לאַטע . . . . . . . . . . . . 89

### נ. י. גאָטליב

ביינאַכט אין חלום קומט צו מיר מיין מאַמע . . . . . . . 90

### משה דוד גיסער

ירמיהו . . . . . . . . . . . . . 92

**יעקב גלאַטשטיין**
אַ גוטע נאַכט, וועלט . . . . . . . . . . . . 94
אַן יידן . . . . . . . . . . . . . . 96
דער זיידע ענזל וועקט זיך . . . . . . . . . . 98

**יעקב גלאַנץ**
אויף קברים היגלען פון מיין פאָלק . . . . . . . . . 100
ווער וועט ברענגען דעם דערלייזער . . . . . . . . . 100

**חיים גראַדע**
מעבל . . . . . . . . . . . . . . . 102
קץ הימים . . . . . . . . . . . . . . 104
געהיימע געסט . . . . . . . . . . . . . 105

**נפתלי גראָס**
הייליק יידיש דרויב . . . . . . . . . . . . 107

**אליעזר גרינבערג**
חלום אויף דער וואָר . . . . . . . . . . . 108

**בינם העלער**
אַ פרוי אין אַ טוך . . . . . . . . . . . 110
ביים ראַג פון זאַמבקאָווסקע־טאַרגאָווע . . . . . . . . 111
ירושה . . . . . . . . . . . . . . . 113

**אלחנן וואָגלער**
דער הימל רייסט קריעה . . . . . . . . . . . 114
פורפורנע טויערן . . . . . . . . . . . . 115

**בעריש ווײַנשטיין**
מיידאַנעק, גאָט ! . . . . . . . . . . . . 118

**שפרה ווערבער**
דאָס וויינען מתים גאָר . . . . . . . . . . . 121

**אברהם זאַק**
נישטאָ פאַר דיר... . . . . . . . . . . . 123
דו בלייבסט נאָר אַ חלום . . . . . . . . . . 123
צום 30־סטן יאָרצייט פון מענדעלע מו״ס . . . . . . . . 124
קדושים . . . . . . . . . . . . . . 125

**רייזל זשיכלינסקי**
מיינע יידישע אויגן . . . . . . . . . . . 126
גאָט האָט באַהאַלטן זיין פנים . . . . . . . . . . 127
פון אַ וואָלקן . . . . . . . . . . . . . 127

**א. טאַבאַטשניק**
עס וויינט דאָס האַרץ . . . . . . . . . . . 129

**מאיר זימל טקאַטש**

זרע אברהם . . . . . . . . . . . . . . . 131

**יצחק יאַנאַסאָוויטש**

די היים שוין נישט קיין היים מער . . . . . . . . . . 132

מיין מאַמעס יום־טוב קלייד . . . . . . . . . . . 133

צו פוילן . . . . . . . . . . . . . . . 134

**נחום יוד**

ניין, אָ, קיינמאָל ניין . . . . . . . . . . . . 136

**ה. לייוויק**

באַדאַרפט האָב איך . . . . . . . . . . . . 137

גוואַלד, יידן, זייט זיך ניט מייאש . . . . . . . . . . 138

כ'האָב דאַכאַו אויך שוין געזען . . . . . . . . . . 140

צו מיינע ברידער, וועמען כ'האָב אין דאַכאַו ניט געפונען . . . . . 141

**אַ. לעיעלעס**

דער הענקער פון מינכען . . . . . . . . . . . . 143

שלום . . . . . . . . . . . . . . . 146

**אברהם לעוו**

אומעטיק קריכן די שעהן . . . . . . . . . . . 148

ס'הענגט דאָס בילד . . . . . . . . . . . . . 149

קינות אויף חורבן ווילנע . . . . . . . . . . . 150

**קאַדיע מאָלאָדאָווסקי**

אל חנון . . . . . . . . . . . . . . 152

דער מלך דוד אַליין איז געבליבן . . . . . . . . . 154

טויטער שבת . . . . . . . . . . . . . 156

**איציק מאַנגער**

צום בראצלאוועס „זיבעטן בעטלער" . . . . . . . . . 158

ברוגז . . . . . . . . . . . . . . . 158

יתומים . . . . . . . . . . . . . . . 159

**מאַני לייב**

צו וועמען . . . . . . . . . . . . . . 160

זי... . . . . . . . . . . . . . . . 160

„העלף" . . . . . . . . . . . . . . . 161

**אַ. סוצקעווער**

ניינטע סימפאָניע . . . . . . . . . . . . 162

בלויז רויכן, רויכן, שוועבלקע רויכן . . . . . . . . 163

שפּילצייג . . . . . . . . . . . . . . 164

די לערערין מירע . . . . . . . . . . . . 165

י. י. סיגאַל


אויף זייער קאָפּ . . . . . . . . . . . . . . 168
אַ ייד איז געקומען . . . . . . . . . . . . . 169


ז. סעגאַלאָוויטש


פּאַר וועמען ביסטו גאָט ? . . . . . . . . . . 171
נישטאָ . . . . . . . . . . . . . . . . 171
דער טאָג דיינער איז ווי אַ תליה . . . . . . . . 172
אָ, קינדער, קינדערשע געשטאַלטן . . . . . . . . 174


ישראל עמיאט


אויפן געטאָ־פּלאַץ אין וואַרשע . . . . . . . . . 176
אין היים־שטעטל . . . . . . . . . . . . . 177


י. פּאַפּיערניקאָוו


אין טרויער . . . . . . . . . . . . . . . 178
מיין ברענענדיקע וועלט . . . . . . . . . . . 178


חיים לייב פוקס


געבעט אין 1942 . . . . . . . . . . . . . 180
יזכור . . . . . . . . . . . . . . . . . 181


יעקב פרידמאַן


דער מקובל פון טלויז . . . . . . . . . . . . 183
אין געטאָ צו מנחה . . . . . . . . . . . . 185


גבריאל פרייל


פון פאַרפּייניקטע אַ נייע תפילה . . . . . . . . . 188


אהרן צייטלין


אני מאמין . . . . . . . . . . . . . . . 189
אַ ניגון פון טאַטן געהערט . . . . . . . . . . 194
נאָכגלאַנץ . . . . . . . . . . . . . . . 196


ש. קאטשערגינסקי


מאריקא . . . . . . . . . . . . . . . . 197


רחל קאָרן


כ׳וויל צוגיין אַמאָל . . . . . . . . . . . . 199
ביי די טויערן פון די גאַז־קאַמערס . . . . . . . 201
מיר זיינען געפאָרן צו תשליך . . . . . . . . . 202


קעהאָס קליגער


אַ בריוועלע צו גאָט . . . . . . . . . . . . 204


מלך ראַוויטש


אונטער דעם עץ־האמת . . . . . . . . . . . . 206
איך האָב געוואָלט אַ געשריי טאָן . . . . . . . . 209

**יוסף רובינשטיין**

נאַלעווקעס 1946 א. . . . . . . . . . . . . . 211
נאַלעווקעס 1946 ב. . . . . . . . . . . . . . 212
מיינע פענצטער . . . . . . . . . . . . . 214

**אברהם רייזען**

דער שארית ישראל . . . . . . . . . . . . . 215
אַ יעדער . . . . . . . . . . . . . 216

**י. י. שוואַרץ**

יידן . . . . . . . . . . . . . . 217

**משה שולשטיין**

און ס׳איז אַ גאָלדענער אַפּריל געווען . . . . . . . . . 220

**מאיר שטיקער**

זיי האָבן אויפגעשטעלט מיליאָנען שייטערהויפנס . . . . . . . . 222

**א. נ. שטענצל**

אָבער ווער בין איך דען אַז איך זאָל פרעגן . . . . . . . 224
שמואל זיגעלבוים . . . . . . . . . . . . . 225

**אריה שמרי**

די האַנט פון טרויער . . . . . . . . . . . 226
ליד פון בענקשאַפט און געוויין . . . . . . . . . 227

# אין פאַרלאַג י. ל. פּרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדע ביכער:

## אין יידיש:

| | |
|---|---|
| י. זרבבל | בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1) — אויספאַרקויפט |
| י. זרבבל | בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2) |
| מענדל מאַן | נאַכט איבער גלושינאָ |
| אברהם סוצקעווער | אין מדבר סיני |
| ישראל טאַבאַקמאַן | מיינע איבערלעבונגען |
| ש. בערלינסקי | בילדער און דערציילונגען |
| י. פּאַפּיערניקאָוו | היימישע און נאָענטע |
| מענדל מאַן | ביי דער ווייסל |
| ק. צעטניק | דאָס הויז פון די ליאַלקעס |
| יוסף בירשטיין | אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ־לעבן) |
| מלך נוי (ניישטאַט) | דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל |
| מאַטעס דייטש | צום נאָענטסטן שטערן — יידיש (לידער) |
| יצחק לעוו | אין גערעַנגל (געקליבענע שריפטן) |
| מרדכי יפה | צען ישראל־דיכטער |
| יצחק פאַנער | שלום אַש אין זיין לעצטער היים |
| פרץ גראַנאַטשטיין | מענטשן פון נעכטן |
| יחיאל האָפּער | אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1) |
| יחיאל האָפּער | אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2) |
| ה. לייוויק | אויף צאַרישער קאַטאָרגע |
| נחמן דרוזדוב | אחד־העם |
| עזרא קאָרמאַן | צייכנס און צירופים |
| רבקה באַסמאַן | טויבן ביים ברונעם (לידער) |
| י. צ. שאַרגעל | פון וויי און גלויבן (לידער) |
| דוד זאַקאַליק | גערעַנגל |
| אַ. קאַרפּינאָוויטש | דער וועג קיין סדום |
| א. ריוועס | מיט דער שיף „טשיטשערין" |
| יוסף כרמל | אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער |
| מרדכי אורן | דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1) |
| מרדכי אורן | דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2) |
| יחיאל האָפּער | ר׳ זלמן |
| א. שטיינבאַרג | משלים |
| הערש מענדל | זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער |
| נ. ניר־ראַפּאַלקעס | ערשטע יאָרן |

| | |
|---|---|
| י. זינגער | **דראַמאַטישע שריפטן** |
| דוד פלאַקסער | **אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן** |
| ש. וואָרזאָגער | **ברויט (ראָמאַן)** |
| בעריש וויינשטיין | **אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)** |
| לוי פּאַפּיערניקאָוו | **אין דער נייער היים** |
| אברהם ליס | **היים און דויער (עסייען)** |
| ד״ר ח. שאָשקעס | **מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער** |
| משה וויסמאַן | **אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע** |
| פ. גאָרעליק | **פון די מלינער וועלטן** |
| י. בראָנשטיין | **אינאיינעם און באַזונדער** |
| פ. בערמאַן | **אָפענע פענצטער (לידער)** |
| א. וואָלף יאַסני | **די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג** |
| אריה שמרי | **די פונקען פון תיקון (פּאָעמע)** |
| א. סוצקעווער | **אָאַזיס (לידער)** |
| א. מנור | **40 יאָר הסתדרות** |
| א. לעוו | **ביימער אין ווינט (לידער)** |
| ל. אליצקי | **מיין האַרץ־רייזע (לידער)** |
| יעקב כהן | **דער גורל פונעם ייד** |
| נ. דרוזדוב | **יידן אין מיטלאַלטערלעכן איטאַליע** |
| ספר זרבבל | **צו זיין 75־טן געבוירנטאָג** |
| י. פּאַפּיערניקאָוו | **די זון הינטער מיר (לידער)** |
| ד״ר צבי כהן | **די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (באַנד 1)** |
| ד״ר צבי כהן | **די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (באַנד 2)** |
| מ. יפה | **ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור** |
| ד״ר מ. דוואָרזשעצקי | **אייראָפּע אָן קינדער** |
| ק. צעטניק | **דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ** |
| מלכה לי | **אין ליכט פון דורות (לידער)** |
| דבורה דיין | **אין גליק און אין טרויער** |
| יוסף ראָטנבערג | **(צו זיין ערשטער יאָרצייט)** |
| ש. פּאָליאַקעוויטש | **אין אַ פרעמדער הויט** |
| ב. עפּשטיין | **זאַנגען אויפן ווינט** |
| יוסף גאַר | **ווידערקלאַנגען** |
| ספר בארשטשיוו | **יזכור־בוך** |
| מרים ריינעס־מלצר | **צום קוואַל** |
| יעקב כהן | **אונטער סאָוויעטישע הימלען** |
| ד״ר חיים שאָשקעס | **פון מאָסקווע ביז עבר הירדן** |
| ב. שלעווין | **חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן** |
| ע. פערשלייסער | **געקליבענע דערציילונגען** |
| ה. אַקערמאַן | **כ׳בין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער היים** |
| יחיאל האפער | **אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 1)** |
| יחיאל האפער | **אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 2)** |
| אסתר לוריא | **פרויען אין קנעכטשאַפט — אַלבאָם** |

| | |
|---|---|
| רחל פישמאַן | **זון איבער אַלץ** |
| נוסיאַ — איניאַ שיפמאַן | **„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר"...** |
| אירגון נכי המלחמה בנאצים | **אַנטקעגן דעם נאַצישן שונא** |
| אירגון יוצאי סטרי | **ספר סטרי (יידיש־העברעיש־ענגליש)** |
| ש. זאראמב | **אויסדערוויילטע שריפטן** |
| ז. מ. טקאַטש | **מיין האָב און גאָב (לידער)** |
| רחל קאָרן | **פון יענער זייט ליד** |
| איציק מאנגער | **ליד, באַלאַדע, דערציילונג (יידיש־העברעיש)** |
| ל. חיין־שמעוני | **גאַנג** |

**ב ע ב ר י ת:**

| | |
|---|---|
| יוסף רוזן | **כתבים נבחרים** |
| אפרים שרייער | **אמנות ותיאטרון** |
| י. לשצינסקי | **הדמות הלאומית של יהדות הגולה** |
| יעקב פאַט | **שיחות עם סופרים יהודיים** |
| מ. ברלנד | **300 שעות בגיטו הדועך** |
| יהושע גלבוע | **על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות** |
| נ. חנין | **ברלה** |
| י. זרבבל | **עלי חיים** |
| אפרים אויערבאַך | **קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)** |
| א. אלמי | **בין סיני לאולימפוס** |
| מ. בורשטין | **פת ומלח** |
| ר. קביאטקובסקי־פנחסיק | **נשים מאחורי הגדר** |
| נחמיה לוינסקי | **בצל הגזעים** |
| ד. פלקסר | **האידיאה והאמת** |
| מול האויב הנאצי | **זכרונות ועדויות (עברית־יידיש)** |
| פ. בילצקי | **השיר והמשורר (א. סוצקבר)** |
| איציק מנגר | **שיר, בלדה, סיפור** |